Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען!

היינט 10 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

Nr. 77/1677 | Łódź, Niedziela 31 marca 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, יט אדר ב׳, תרפ״ט | Nr. 77/1677

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען שבת-קודש געשטארבען אין עלטער פון 55 יאהר אונזער לאנגיעהריגער שותף

ב״ע אשר עהזיל פרידמאן

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער טיפכטען מיטגעפיהל דער שווערגעטראפענער פאמיליע מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

שותפים: יצחק ושוראוו, לייביש טאבאטשניק, ליבל ליטמאן, לוי ושוראוו.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין דאנציג מיין טייערע פרוי, אונזערע ליבע מוטער, גרויסמוטער, שוועסטער, שוועגעריין און טאנטע

נ״ע בתיה (געב. גולדיך) ראקאווסקי

נכדתו של הרב הגאון מו״ה עזריאל ארי׳ האבד״ק פלאצק

אין עלטער פון 65 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט זונטאג, ד. 31 ד.ח. אין דאנציג 11 א זייגער פארמיטאג.

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

געזעלשאפט „הזמיר" אל. קאשטשושקי 21

היינט, זונטאג, 9 אוונעד קומט פאר א גרויסער טראדיציאנעלער

געזעלשאפט „הזמיר" אל. קאשטשושקי 21

פורים=באל

אין פראגראם בעטייליגען זיך: דער „הזמיר"-כאר אונטער דער ליטונג פון דיר. י. פייווישיס, „הזמיר"-קווארטעט, פרל. שניידעמיל (געזאנג), ה׳ ווייליאנר (געזאנג), י. מ. מאשקאוויטש (רעציטאציעס) א. א.

נאכ׳ן פראגראם טאנץ ביז׳ן פריהמארגען.

בילעטען אין פרייז פון 3 זל., 2 זל. און 1.50 צו בעקומען ביי דער קאסע פון „הזמיר"

וואלדהאר

איז אנגעקומען צום פרייז פון 90 גר. א קילא

אין הורט-געשעפט פון

טעפיכער, צעראטעס, לינאלעאום און טאפעצירער=ארטיקלען

— לאדז —

וואלף פאקולא פאלודניאווא 2

אכטונג, בעקער-מייסטער אין לאדז.

דעם 2. אפריל ד. י. לויטט אפ דער טערמין פון אויפגעבען דאס ווײצען-מעהל, וועלכעס געפינט זיך אויף לאגער אין די בעקערייען, ווי אויך ווערט פעליג די 13=טע ראטע פון ריטשאלט-שטייער.

יעדער בעקער איז מחויב צו קומען פערזענליך היינט, זונטאג און מארגען, מאנטאג פון 6 ביז 9 אוונעד, אויפצוגעבען די מיהלען ווי אויך איינצוצאהלען דעם ריטשאלט פון אבראט.

בעמערקונג: צוליב טעכנישע סיבות וועט אונזער סעקרעטאר נישט קענען בעזוכען די בעקעריי-בעזיצער, כדי צו ערלעדיגען די אויבענ-דערמאהנטע פליכטען, נאר יעדער בעקער זאל זעלבסט קומען אין דער אויבענדערמאהנטער צייט.

דער עלטעסטער פון בעקער=צעך.

6379

יודישער פראפ. מאגאזין שניידער פעראיין! אלעיא 1 מאי 2.

אכטונג, מיטגלידער פון אלע סעקציעס

היינט, זונטאג, 7 א זייגער אין אוונט קומט פאר צום לעצטען טערמין

די אלגעמיינע פערזאמלונג

אין איהר אייגענעם אינטערעס קומט אלע אויף דער פערזאמלונג.

די פערוואלטונג

גוטע נופעריגס און שטאפעריגס

קענען זיך מעלדען

אין דער פאבריק יוליוש 30

Dr. DONCHIN

מאניושקי 1, טעלעפאן 9-97

ספעציאל-ארצט פאר אויגענקראנקהייטען

נעמט אן טעגליך פון 10—1 מיטאג און 4—7 נ.מ.

זונטאג פון 10 ביז 1 בייטאג.

צאהן=ארצט

Jakób Karmazyn

POŁUDNIOWA 2.

פאר פערזיכערטע פון קראנקען-קאסע ביים בעשטע-לען קינסטליכע צייהן ווערען די קראנקע צייהן ארויסגענומען און געהיילט אומזיסט.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז שבת, דעם 30 טען מערץ ד. י. געשטארבען מיין ליבער מאן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאטער, שוויגערפאטער, גרויספאטער און אנקעל

נ.ע. חיים אשר (הנקרא עהזיל) פרידמאן

אין עלטער פון 55 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 31 טען מערץ 1929 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז לאגעווניצקא 9, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע היגטערבליבענע.

נאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 55 יאהר אונזער לאנגיעהריגער מיטגליד

נ.ע. עהזיל פרידמאן

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 31-טען מערץ ד.י. 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז לאגעווניצקא 9, צו וועל-כער אלע אונזערע מיטגלידער ווערען געבעטען צו קומען.

די פערוואלטונג פון גראשער-הענדלער פעראיין אין לאדז, אלעקסאנדריסקא 8.

אויפפאדערונג.

דערמיט פאדערן מיר אויף אלע גלויביגע פון דער פירמע

„EXTRADA" אינהאבער ח. מ. ליפשיץ — נאוואמיעסקא 30 —

זיך זאפארט צו פערשטענדיגען מיט ה׳ מ. ברייטבארד, פרייהייטס-פלאץ 8 אין א זעהר וויכטיגען ענין.

א גרופע גלויביגע.

אַ מהומה אין שטעטיל ביאַלאָטשעוו

יודען ווענען זיך נוקם אין... המן'ען — פינסטערע עלעמענטען נוצען דאָס אויס צו העצען געגען דער יודישער בעפעלקערונג — טעג פון שרעק — אויסגעהאַקט שויבען אין 17 יודישע הייזער — אינטערווענץ פון דער מאַכט

טאָמאַשאָוו. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט).

אין שטעטעל ביאַלאָטשעוו ביי אָפּאָטשנא האָט זיך די טעג געפּערלאָפען פאָלגענדע מעשה, וואָס האָט שיער נישט דערפיהרט צו אַנ'אמת'ן פּאָגראָם אויף די דאָרטיגע יודישע איינוואוינער:

סיטוואָך, שושן-פורים אין אָוונד, האָבען אייניגע חסידישע בחורים אין ביאַלאָטשעוו זיך אַביסעל הייסליך געמאַכט אין דאָרטיגען בית-המדרש לכבוד פורים און בעשלאָסען „נוקם" צו זיין זיך אין המנ'ען דערמיט וואָס זיי האָבען גענומען אַ פּאָר הויזען מיט אַ מאַרינאַרקע, אָנגעפּיהלט מיט שטרוי און אַרויסגעוואָרפען דעם „המן" דורכ'ן פענסטער.

צוּמאָרגענס אינדערפריה, בעת קריסטען זענען דורכגעגאַנגען און געפונען דעם „פערשטעלטען מענש" ליגען, האָבען זיי איהם אויפגעהויבען און, ווי ס'גיט איבער, צוגעקלאַפּט אַ קרייץ, אויפגעשניטען דעם בויך, צעשפּרייט די הענט פון דעם מענש און איהם אַרומגעפיהרט איבער די גאַסען פון ביאַלאָטשעוו, העצענדיג דערביי די קריסטליכע בעפעלקערונג געגען די יודישע איינוואוינער, וועלכע האָבען זיך דערלויבט צו „קרייציגען" און „שענדען" אויף אַזאַ אופן דאָס הייליגע בילד. די קריסטליכע איינוואוינער אין ביאַלאָטשעוו, האָבען בּאַלד אויפגעהויבען אַ געוואַלדיגען טומעל געגען די יודען און זיך גענומען האַקען שויבען פון יודישע פענסטער מיט געשרייען און זידלערייען. אין שטעטעל האָט זיך געמאַכט אַ רעש. צווישען די יודען איז ענטשטאַנען אַ שרעקליכער פּאַניק, מען האָט מורא גע'האַט אַז אָט-אָט ברעכט אויס אַ פּאָגראָם אויף יודען, וואָס קאָן דערפיהרען צו ערנסטע רעזולטאַטען, ווייל אייניגע קריסטען האָבען גענומען שטאַרק ווילדעווען, דראָהענדיג די יודען מיט שלאָגען.

זעהענדיג, אַז די מהומה נעהמט-אָן וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקערע פאָרמען, האָבען די ביאַלאָטשעווער פאַרשטעהער גענומען לויפען צו דער מאַכט כדי ס'אָלען אָנגענומען ווערען פערהיטונגס-מיטלען לגבּי די יודישע איינוואוינער.

צום טאָמאַשאָווער רב רעפּ. בראָם האָט זיך דאָנערשטאָג געווענדעט דער ביאַלאָטשעווער מורה הוראה, מיט דער בקשה, צו אינטערווענירען ביים וואָיעוואָדע און סטאַראָסטווע איבערצושיקען קיין ביאַלאָטשעוו, אַ שטרענגע וואַך, אָפּצושטעלען די מהומה.

רעפּ. בראָם האָט זיך מיט דעם ענין שטאַרק פעראינטערעסירט און תיכף פערשטענדיגט זיך טעלעפאָניש מיט דער וואָיעוואָדשאַפט אין קיעלץ, צו וועלכער עס געהערט ביאַלאָטשעוו, און געבעטען אָנצונעהמען פערהיטונגס-מיטלען, כדי נישט צו דערלאָזען אויפצוהעצען דעם קריסטליכען המון געגען דעם יודישען און איינצושטילען די געוואַלדיגע מהומה אין ביאַלאָטשעוו.

דער וואָיעוואָדע האָט באַלד אַרויסגעשיקט אַ פּאָליציי-וואַך און גלייכצייטיג בעפוילען אונטערצונעהמען אַ שטרענגע חקירה ודרישה וועגען דער אויבענדערמאָנטער מעשה און צוציהען די שולדיגע צו פעראַנטוואָרטליכקייט. רעפּ. בראָם האָט זיך אויך פערשטענדיגט מיט'ן אָפּאָטשנער סטאַראָסטאַ, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו בערוהיגען די קריסטען אין ביאַלאָטשעוו.

פרייטאָג פריה, האָבען יודישע פאָרשטעהער פון ביאַלאָטשעוו אייניגע מאָל געקלונגען דורכ'ן טעלעפאָן צו רעפּ. בראָם און געמאָלדען, אַז די דאָרטיגע יודישע בעפעלקערונג איז נאָך שטאַרק בעאונרוהיגט און געפינט זיך אין אַ שרעקליכער מורא, מחמת אַ גרעסערער טייל פון ביאַלאָטשעווער קריסטען דראָהען כסדר מיט שלאָגען.

רעפּ. בראָם גלויבט, אַז לויט די פערזיכערונגען פון דער מאַכט, איז דערהוויל נישט פערהאַן וואָס מורא צו האָבען אין פאַל אָבער, ס'וועט זיך נישט איינשטילען די מהומה, — וועט ער אינטערווענירען בּיי יעדער העכערער מאַכט אין וואַרשאַ.

נ.-ק.

קאָמוניקאַט פון אינערן-מיניסטעריום

וואַרשאָ, 30. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

וועגען דעם ענין ביאַלאָטשעוו האָט דאָס אינערן-מיניסטעריום אַרויסגעלאָזט אַ קאָמוניקאַט, אין וועלכען ס'ווערט פעסטגעשטעלט, אַז נישט-ענטדעקטע כוליגאַנעס האָבען זיך ערלויבט אויף אַנטי-יודישע אַרויסטרעטונגען, אָבער מ'האָט נישט געשלאָגען קיינעם פון די יודען. די כוליגאַנעס האָבען בלויז אויסגעהאַקט שויבען אין 17 יודישע הייזער. די מאַכט-אָרגאַנען האָבען תיכף אָפּגעשטעלט די עקסצעסען און די גלחים האָבען אויפגעקלעהרט די קריסטליכער בעפעלקערונג וועגען דער מיספערשטענדניש.

שווער צו זיין א... משומד

וואַרשאָ, 30. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

אין רעפּאַרטאַמענט פאַר רעליגיעזע ענינים ביי דעם קולטוס-מיניסטעריום ווערט איצט פערענדיגט אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגען ענדערען די רעליגיע. אין דאָזיגען פּראָיעקט וועלען זיין אויסגערעכענט אַלע פּאָסטולאַטען ביים ענדערען די קריסטליכע, יודישע אָדער מאָכמעדאַנישע רעליגיע און אַריבערגעהן צו אַנ'אַנדער רעליגיע. דערביי זעהט-פאָר דער נייער געזעץ-פּראָיעקט, אַז די, וואָס נעהמען אָן אַ נייע רעליגיע, וועלען מוזען דערפיהלען אַלע שטייערע התחייבות'ן בנוגע דער געמיינדע, צו וועלכער זיי האָבען פריהער געהערט.

אַלזאָ, ביים שמד'ען זיך צוליב אַ צו-הויכען עטאַט וועט דער משומד נישט בעפרייט ווערען פון צאָהלען דעם עטאַט א.אז.וו.

געשטאָרבען דער וויצע-פּרעזעס פון דער וואַרשאַווער קהלה-פערוואַלטונג

וואַרשאָ, 30. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

פרייטאָג 12 ביינאַכט איז אין וואַרשא געשטאָרבען דער וויצע-פּרעזעס פון דער קהלה-פערוואַלטונג ישעיהו ראָזענבוים. דער פערשטאָרבענער איז געווען אַנ'אָנגעזעהענער טוער אין דער „אגודה" און מיטגליד פון „ועד הפועל אגודת ישראל" און אין ראַט פון „פונדיישן".

אויפ'ן אָרט פון פערשטאָרבענעם געהט אַריין אין דער קהלה-פערוואַלטונג ה' יצחק מאיר עלענבערג און אין ראַט פון „פונדיישן" — ה' טראַקענהיים.

שטרייק אין די „תרבות"-שולן פערשאַרפט זיך

וואַרשאַ, 30. (טעלעפאָניש).

צוליב דעם, וואָס דער שטרייק פון די לעהרער אין די „תרבות"-שולען דויערט נאָך, דראָהען די לעהרער צו פערשפרייטען דעם שטרייק איבער אַלע „תרבות"-שולען אין פּוילען.

לופט-פערקעהר לאָנדאָן — ארץ-ישראל

לאָנדאָן, 30. (יט"א טעלעגראַפיש).

פון לאָנדאָן איז אַרויסגעפלויגען קיין ארץ-ישראל דער ערשטער אַעראָפּלאַן פון דער ענגליש-אינדישער לופט-פליה-געזעלשאַפט.

פאַר הערן און דאַמען! פאַר הערן און דאַמען!
קאָנצעסיאָנירטע אויטאָמאָביל-פאַך-קורסן
Fr. Grętkiewicz
Łódź, Al. Kościuszki 21, tel. 75-35.
יאַהרליכע פאַרגענישן אין שאָפּ-הילף אונטעררעכט צו פאָהרען אויף 6 און 8 צילינדער-אויטאָמאָבילען. גינסטיגע ראַטען אָבצאָלונגען. פאַך-בעראַטונגען אומזיסט. ספּעציעלער קורס פאַר מאָטאָ-ציקליסטען. איינשרייבונגען נעהמט אָן די קאַנצעלאַריע פון 9 פריה ביז 8 אַ זייגער אָוונד און ערטיילט אויך אַלערליי אינפאָרמאַציעס. 5283

קאָנפעקציאָנער=פערבאַנד, לאָדז, קאָנסטאַנטינער 10.
אכטונג, קאָנפעקציאָנערן!
היינט זונטאַג, דעם 31/3, 8 אָווענד קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל קאָנסטאַנטינער 10
אויסערגעוועהנליכע פערזאַמלונג
פון אַלע קאָנפעקציאָנערען אין לאָדז, מיטגלידער און נישט-מיטגלידער.
טאָג-אָרדנונג: שטייער-פראַגען און פאַך-אַנגעלעגענהייטען.
צוליב דער וויכטיגקייט פון די פראַגען, ווערען אַלע אויפגעפאָדערט אין זייער אייגענעם אינטערעס אונבעדינגט צו קומען.
בעמ.: איינלאַדונגען ווערען נישט אַרויסגעשיקט. די פערוואַלטונג.
5384

פאַר
וויכטיג שניידערינס!
קאָמוניקאַט.
ערשטע וואַרשאַווער אונטערנעהמונג פון
פראַנצויזישען פּליסירען
קאָרבירען און מוסטערן-אויסקלאַפּען
אויף גלאַטע שטאָפען און פּליסירטע, זאָווי דעקאָטירונג און מערעזשקע
מאַכט בעקאַנט, אַז פון דעם 3-טען אַפּריל ד. י. הויבט אָן
אין לאָדז, פּעטריקאָווער 82
(אין הויף, רעכטס, געוועלב)
איהר טעטיגקייט און נעהמט אָן אַלערליי בעשטעלונגען.
בעמערקונג: בעשטעלונגען ווערען אויסגעפיהרט לויט טערמין, אויף פערלאַנג אין משך פון 3 שעה.
I M. RUBINSTEIN i E. HENTSCHEL
Łódź, Piotrkowska 82
w podwórzu sklep.

אכטונג לאָדז און פּראָווינץ!
מיר זענען מודיע, אַז ס'איז שוין אָנגעקומען די בעריהמטע
ליטווישע מצה
כשר למהדרין מן המהדרין
וואָס צייכענט זיך אויס מיט איהר גוטער קוואַליטעט אין היגיענישע אויס-אַרבייטונג ווי אויך מצה=מעהל און פערפעל. די מצות זענען געפּאַקט אין פּאַפּיר-קעסטלעך (8 קילאָ), און אין דיקטור-שאַכטלען (4 קילאָ, 2 קילאָ און 1 קילאָ), פערזעהען מיט דער פּלאָמבע ל. מ. ד. 26 שטיק אין קילאָ. פאַר פּראָווינץ געהעריגער ראַבאַט.
די איינציגע פערטרעטונג פאַר לאָדז
יאַבלאָנסקי, וואָסקאָדניאַ 6, פּריוואַט-וואוינונג וואָסקאָדניאַ 18

וועש- און טריקאָטאַזש=סעקציע, ביים צענטר. סוחרים-פעראיין פּיעטר. 10.
מאַכט בעקאַנט איהרע מיטגלידער, אַז היינט, זונטאַג, דעם 31 מערץ פּינקטליך 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל
אַלגעמיינע פערזאַמלונג
פון דער וועש- און טריקאָטאַזש-בראַנזשע,
וואו ס'וועלען בעהאַנדעלט ווערען וויכטיגע בראַנזשע-פראַגען. צווישען אַנד. שוין געגען באַנקראָטען. קאַמף געגען דער פּראָטעסטען=כוואַליע, ווי אויך שטייער=אַנגעלעגענהייטען.
מיטגלידער, ווי אויך נישט מיטגלידער פון דער בראַנזשע ווערען געבעטען צו קומען מאַסענווייז. עס האַנדעלט זיך וועגען עקזיסטענץ-פראַגען.
מיט אכטונג וועש- און טריקאָטאַזש-סעקציע
ביים צענטר. סוחרים=פעראיין, פּיעטריקאָווער 10

דאַנקזאָגונג.
דערמיט דריק איך אויס מיין אינניגסטען דאַנק דעם פּרעזעס פון „משמרת החולים" ה' פישעל רובינשטיין פאַר זיינע בעמיהונגען ביים אַריינגעהמען אין שפּיטאָל מיין שוואָגער.
מאיר ראובן ראָכפעלד
קעלבאַכאַ 27.

קאַליגראַף
ל. בערמאַן
(דער יונגער) וואוינט אויף זאַוואַדזקאַ 19 1-ער שטאָק, און לערנט אויס שעהן און שנעל שרייבען.

Dr. N. TRACHTENHERC
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
נאַרוטאָוויטשאַ 11, טעל. 33-16
נעהמט אָן פון 3 ביז 5 נאָכמיטאָג.

שטיק=אַרבייטער
ווי אויך האַנט-נייהערינס צו אַקריטשע קענען זיך מעלדען ביי פּאַסטער. נאַך ציגעל-גאַס 43.

פאָלקס=אוניווערסיטעט
ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.
היינט, זונטאַג, 8.30 אין אָווענד קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגעלניאַנאַ 4) די 2=טע פּאָרלעזונג (אין דער העברעאישער שפּראַך א. ד. ט.: „די ע"ד (האדמה) אינזש. פ. לינדער
פּרעלעגענט
די נאָהענטסטע פּאָרלעזונג:
דינסטאָג, דעם 2 אַפּריל 8.30 אָוו.— 3-טע פאָרטראַג פון י. זאַנדער (פּויליש) א. ד. ט.: „פון בערלינער קאָנגרעס ביז דער וועלט-מלחמה" (1878 - 1914)
5380

נייטיג א
לערן-מעדעל
געגען באַלדיגע צאָהלונג
אין פּראָצענטע פון וועש
פּאָלודניאָווע 6 ביי
באָמגאַרט.

אַ קוואַליפיצירטע
ביינטאַריך
פאַר בעסערע דאַמען-וועש זאָל זיך קענען אַליין צושניידען, קאָן בעקומען דויערנדע בעשעפטיגונג, ווי אויך שטיקערינס האַנד און מאַשין קענען זיך מעלדען ביי
5389
קאָהן, פּאָמאָרסקאַ 4 אין וועש-געשעפט.

אַ נייע פעראָרדנונג וועגען „פרעמדע"
די וואס האבען שוין וואוינרעכט, וועלען זיך מוזען בעמיהען וועגען נייע „קארטי-פאביטו"

וו א ר ש א, 30 (טעל, פון אונזער קאָרעס-פּאָנדענט) ווי מיר דערוויסען זיך, וועט אַ-נגיכען אַרויס אַ נייע פעראָרדנונג וועגען רעגיסטראַציע פון „פרעמדע".

לויט דער נייער פעראָרדנונג וועלען איצט האָבען שוועריגקייטען צו בעקומען בירגערשאַפט אַפילו די, וועלכע זענען געבוירען געוואָרען אין פוילען, נאָר זייערע עלטערן האָבען גענומען פּעסער אין רוסלאַנד.

ס'וועט אויך איינגעפיהרט ווערען אַ נייעס אויף דעם געביט, אַז די וואָס האָבען שוין וואוין-רעכט, וועלען דאָס וואוין-רעכט אויך פערלירען און זיי וועלען זיך מוזען בעמיהען אין די סטאַראָסטוועס וועגען אַ „קאַרטע פּאָביטו". דאָס אַרויס-געבען די קאַרטעס וועט זיין אָפּהענגיג אויס-שליסליך פון די סטאַראָסטוועס אָדער וואָיעוואודזט-וועס.

צוזאַמענפאַהר פון יודישע סטו-דענטען אין בעלגיען

בריסעל, י.ט.אַ) מיט עטליכע וואָכען צוריק איז פאָרגעקומען אין בריסעל אַ צוזאַמענפאַהר פון די יודישע סטודענטען אין בעלגיען מיט דעם צוועק צוריק אויפצובויען דעם פערבאַנד פון יודישע סטודענטען. אין דעם צוזאַמענפאַהר האָבען זיך בעטייליגט דעלעגאַטען פון 6 אוניווערזיטעט-שטעט. צוליב פאַרטיי-קאַמפען איז שוין ביים אָפּ-שטימען פונ'ם ערשטען פונקט פון פערבאַנד-סטאַטוט געקומען צו אַ שפאַלטונג. די בונדיסטען און „רויטע" האָבען בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזען, אַז דער פערבאַנד זאָל בעשטעהען פון פעראיינען, וואָס היטען אָפּ די קולטורעלע און נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון די יודישע סטודענ-טען. און ווייל מען האָט מיט אַ מאַיאָריטעט בע-שלאָסען נישט צו שטרייכען דאָס וואָרט „נאַציאָ-נאַל" האָבען זיי פערלאָזען די קאָנפערענץ.

א"י-בירגערשאפט
הייסט נישט—ענגלישע בירגערשאַפט

לאָנדאָן, 30. (יט"א טעלעגראַפיש).

אויף דער אָנפראַגע פון רעפּ. וועדזשוואוד, האָט דער אונטערשטאַטס-סעקרעטאַר פאַר קאָלאָ-ניען-ענינים אַרמסבייגאַר געענטפערט, אַז דאָס בע-קומען ארץ־ישראל־בירגערשאַפט הייסט נאָך נישט בעקומען די ארץ־ישראל'דיגע בירגערשאַפט. אַנ'ארץ־ישראל'דיגער בירגער קען ערשט בעקומען די ענגלישע בירגערשאַפט נאָך דעם, ווי ער וועט זיך נאַטוראַליזירען.

די טעטיגקייט פון דער פויליש-ארץ ישראל'דיגער האנדעלס=קאמער

ירושלים, (י.ט.א.) די פויליש-ארץ-ישראלדיגע האַנדעלס-קאַמער אין תל-אביב איז בעשטימט געוואָרען אַלס אויסלענדישער קאָרעס-פּאָנדענט פון פוילישען עקספּאָרט-אינסטיטוט אין וואַרשע.

40,000 דאלאר
אויף מצות פאר רוסישע יודען

ניו-יאָרק, 30. (יט"א טעלעגראַפיש).

די אַקציע צו פערזאָרגען מיט מצות די רוסישע יודען, האָט זיך שוין פערענדיגט. לויט דער איניציאַטיווע פון „מאָרגען-זשורנאַל" איז נעזאַמעלט געוואָרען 25 טויזענד דאָלאַר, דער „טאָג" האָט נעזאַמעלט 15 טויזענד דאָלאַר.

פראפ. איינשטיין — עהרען-מיטגליד פון כנסיות-ישראל

ירושלים, 30. (יט"א טעלעגראַפיש).

צוליב דעם 50-טען געבורטסטאָג פון פּראָפ. איינשטען, האָט דער ועד־לאומי בעשלאָסען איהם צו בעשטימען אַלס עהרען־מיטגליד פון כנסת ישראל.

אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונ-גען אין אונגארן
געגען „מים=איירא פא"

בודאַפּעשט, 30. (יט"א טעלעגראַפיש).

מיט'ן אָנקומען פון „מים אייראָפּא" אין איהר שטעטעל האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אַנטיסעמיטישע העצע. ווי די „מים אייראָפּא" האָט זיך נאָר בעוויזען זענען פאָרגעקומען סקאַנדאַלען און פיינדליכע אויסגעשרייען געגען איהר.

ווידער פרעסט?

ריגא, 30. (ספּ. טעל.) אין די דרום-מזרח-גובערניעס פון רוסלאַנד איז די טעמפּעראַטור פּלוצלינג געפאַלען ביז 25 גראַד. אין מאָסקווע איז דער פראָסט דערגאַנגען נעכטען ביז 15 גראַד. די נייע כוואַליע פרעסט בעאונרוהיגט שטאַרק די דאָרפישע בעפעלקערונג.

נייע פראטעסטען
געגען ארויסשיקען טראצקין פון רוסלאנד

מאָסקווע, 30. (יט"א טעלעגראַפיש).

ראַס פּאָליט-ביוראָ און דער צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבען בעקומען אַ ריהע שאַרפע פּראָטעסט-בריף פון ראַדעק, ראַקאָווסקי, סמירנאָוו א. אַנד. צוליב דעם אַרויסשיקען טראָצקין פון רוסלאַנד.

איז וועלכען לאַנד וועט הערמאַן בערנשטיין בעשטימט ווערען אַלס אמעריקאנער אַמבאַסאַדאָר?

וואַשינגטאָן, 30 (י. ט. א.) פון גוט-אינפאָרמירטע קרייזען ווערט מיטגעטיילט דער יודישער טעלעגראַפען-אַגענטור, אַז אין די נאָהענ-סטע טעג וועט פּרעזידענט הובער אָננעהמען אַ בעשלוס, אין וועלכען לאַנד צו בעשטימען אַלס אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר דעם בעקאַנטען יודיש-ענגלישען זשורנאַליסט הערמאַן בערנשטיין.

עס איז שוין איצט בעוואוסט, אַז ה' בערנ-שטיין וועט יעדענפאַלס בעשטימט ווערען אויפ'ן אַמט פון אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין איינע פון די לענדער אין מזרח-אייראָפּא.

בולגארישער קעניג קומט קיין ווארשא.

פּראָג, 30. (ספּ. טעל.) אין דיפּלאָמאַטישע קרייזען שמועסט מען, אַז דעם 16-טען אַפּריל פאָרט דער בולגאַרישער קעניג אַרויס קיין טשעכיען. פריהער וועט אָבער דער קעניג אָפּשטיינען אין וואַרשאָ.

דער צווייטער יודישער באראן אין בעלגיען

בריסעל, (י.ט.א.) ווייצמאַנ'ס בעזוך אין בעלגיע האָט געלאָזט אַ גאָר שטאַרקען רושם נישט נאָר ביי ציוניסטען נאָר אויך אין די קרייזען פון די בריסעלער „יאהודים". דאָס אַריינטרעטען אין דעם בעלגא-פּאַלעסטינא פון דעם בעוואוסטען באַנקיר קאסעל און פּראָפעסאָר ערדארא, האָט מען צו פערדאַנקען ווייצמאַנ'ס השפעה. איצט האָט דער בעלגישער קעניג בעעהרט דעם באַנקיר קאַסעל מיט דעם טיטעל „באַראָן", אַ טיטעל וואָס ווערט געגעבען גאָר זעלטען און צו גאָר בעדייטענדע פּערזענליכקייטען. די דאָזיגע בעעהרונג פון באַנקיר קאַסעל נאָך זיין אַריינטריט אין בעלגא פּאַלעסטינא-קאָמיטעט ווערט דעריבער אויסגע-טייטשט, אַלס סימפּטאָם פון דער פּאָזיטיווער בעציהונג פון דער בעלגישער רעגירונג צום ציוניזם. באַראָן קאַסעל איז דער צווייטער יודישער באַראָן אין בעלגיע. דער ערשטער איז געווען באַראָן לאַמפּערט.

הונדערט-יעהריגער יובילעאום פון דער אנטווערפענער יודישער קהלה

אַנטווערפען, (יט"א).

די אַנטווערפענער יודישע קהלה האָט איצט געפייערט דעם הונדערט-יעהריגען יובל פון איהר עקזיסטענץ. לכבוד דעם יובל זענען איינגעאָרדענט געוואָרען תפילות און דרשות אין ד' ישוהלעו פון דער געמיינדע און עס זענען דערביי אויך פאָרגע-קומען צוויי סיום-התורה'ס.

דער יום-טוב איז געוואָרען אָפּגעשלאָסען דורך אַ ריזיגען באַנקעט מיט דער בעטייליגונג פון די בע-דייטענדסטע פּערזענליכקייטען פון שטאָט. דער גע-נעיער ראַטום, ווען ד' יאַנטווערפענער קהלה איז ענט-שטאַנען לאָזט זיך איינענטליך נישט פעסטשטעלען. לויט פערשידענע השערות איז נאָך אין יאָהר 1819 שוין בעשטאַנען אַ קליינער יודישער קיבוץ אין אַנטווערפען, וועלכער איז געווען אָנגעשלאָסען אין איין שוהל. דער ערשטער דאָקומענט, וואָס בעשטעטיגט די עקזיסטענץ פון אַנ'אָרגאַניזירטער יודישער קהלה שטאַמט אָבער ערשט פון אָקטאָבער 1828 און בע-שטעהט פון אַ בריף, וועלכען דער אַנטווערפענער גאָווערנער האָט געשיקט צו אַ גרופּע יודען, וואָס בעטען אַ שטיקעל קרקע אויף אַ יודישען בית-עולם. דער גובערנאַטאָר איז זיי מודיע אין דער בריף, אַז דער שטאָט-ראַט האָט בעשלאָסען זיי אָפּצוטיילען אַ חלק פון דעם קריסטליכען בית-הקברות אויף צו מקבר זיין זייערע מתים. די ערשטע אַנטווערפענער יודען ווי עס איז צו זעהען פון ד' נעמען — זענען געווען האָלענדער און פּאָרטוגעזען. די פוילישע יודען האָבען אָנגעהויבען צו אימיגרירען ערשט מיט פופציג יאָהר שפּעטער, האָבען זיך נישט געקענט צופּאַסען צו די מנהגים פון די האָלענדער, וואָס זענען געווען טיילווייז רעפאָרמירט. הויפּטזעכליך זע-נען זיי געווען געגען אַ בית-עולם וועלכער איז אַ טייל פון דעם קריסטליכען בית-הקברות. זיי האָבען זיך דעריבער געגרינדעט אַ בעזונדערע קהלה און איינגע-ריכטעט זייער בית-עולם אין האָלאַנד. ווייל די בעלגי-שע רעגירונג האָט בשום אופן נישט געוואָלט געבען איהר הסכמה אויף אַ בעזונדערען יודישען בית-עולם

די אָפיציעלע יודישע קהלה וואָס איז ביז אויף היינטיגען טאָג אונטער דעם איינפלוס פון מזרח-יודען, וועלכע בילדען ניינציג פּראָצענט פון היגען יודישען ישוב. האָט אויך אַנ'איינענעם בית-הקברות אין האָלאַנד. אויסער דעם האָט אַ גרופּע פרומע האָלענדער זיך לעצטענס געגרינדעט אַ בעזונדערע האָלענדישע קהלה און איהר ערשטע שריט איז גע-ווען די שאַפונג פון אַנ'איינענעם בית-עולם אין האָ-לאַנד. אַזוי אַרום הערשט אין אַנטווערפען אַ געוואַל-דיגע קאָנקורענץ נישט נאָר אויף נשמות פון לע-בעדיגע נאָר אַפילו אויף די יודישע בר-מנן'ס.

די רעגירונג בעטראַכט די יודישע קהלות אַלס רעליגיעזע פעראיינען, וועלכע בעקומען אַ געוויסע סובסידיע אַ גלייכער (מאָס ווי די קריסטליכע קירכען. די אָפיציעלע יודישע געמיינדע איז אָבער פון דער מאַכט אַנערקענט אַלס די רעפּרעזענטאַנץ פונ'ם אַנטווערפענער יודענטום.

אונטערשטיצט פסח-אקציע „תומכי אורחים"

פסח=הילפס=אקציע „תומכי אורחים"

אומזאנסטע פסח-קוך

אונטערשטיצט די פסח-אקציע פון
„תומכי אורחים"
אויפרוף
צו דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג!

פראדוקטן-פערטיילונג

דער הילפס-פעראיין „תומכי אורחים", פאמארסקא 18 ארגאניזירט אויף דעם היי-יאהריגען פסח **א גרויסע פסח=הילפס=אקציע**

געדענקט, אַז טויזענדער נויטבעדערפטיגע בכבוד'ע פאמיליעס וואַרטען אויף אייער הילף! געדענקט, אַז די פסח=אקציע איז פאַרלויפיג די איינציגע פסח=אקציע אין לאָדז! געדענקט, אַז דער חוב ליגט נאָר אויף די הונדערטער גבירים פון דער שטאָט לאָדז.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו אייך, אונטערשטיצט די אַקציע מיט אַ ברייטער האַנד, ווייל הונדערטער פאַמיליעס וועלען אַ דאַנק „תומכי אורחים" האָבען די מעג-ליכקייט צו פייערן דעם גרויסען יום-טוב פסח. צו דעם צוועק ווענדען זיך צו אייך פערוואַלטונגס-מיטגלידער און מיטגלידער מיט ספּעציעלע שפּענדע-בוקס. אויך האָבען מיר אַרויסגעשיקט אינקאַסענטען זאַמלען שפּענדען און דער שפּענדער ווערט געבעטען ביים געבען צו זיין אויפמערקזאַם, אַז דאָס שפּענדע-ביכעל זאָל האָבען די אונטער-שריפטען פון פּרעזעס אָדער וו. פּרעזעס, סעק רעטאַר און קאַסירער אונטער דעם פעראיינס-שטעמפּעל. עס איז צו ערוואַרטען, אַז די יודישע בעפעלקערונג וועט אונזער אַקציע ווי געהעריג אונטערשטיצען, און דערמיט וועט איהר העלפען אייערע אייגענע ברידער און שוועסטער פון נויט. שפּענדען פאַר די פסח-הילפס-אַקציע „תומכי אורחים" ווערען אויך אָנגענומען אין דער רעדאַקציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט".

מיט דרך ארץ **דאס פרעזידיום פון „תומכי אורחים"**

פּרעזעס (—) י. בעכער, וו.-פּרעזעס (—) מ. בערגער און (—) מ. מיזעס.

אונטערשטיצט פסח-אקציע „תומכי אורחים"

„נייער פאלקסבלאט"

יאָר־ג. 31 מערץ 1929

יאָר־ג. 31 מערץ 1929

וואוינונגס־פראגע

אַמאָל און היינט

די וואוינונגס־פראגע איז אייגענטליך נישט אַ פּראָדוקט און אַ רעזולטאַט פון די מלחמה־יאָהרען; זי איז אויפגעשוואומען אויף דעם לעבענס־פלאַך נאָך פאַר דעם וועלט־קריג. צום ענטשטעהען פון דער פראַגע האָט געבראַכט די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם פון איין זייט און דער פערשטאַרקטער מענשען־צושטראָם פון דער צווייטער זייט.

ווען אין ניינצענטען יאָהרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבען דער קאָנצענטרירונגס־פּראָצעס פונ'ם קאַפּיטאַל און די הענר פון יחידים, האָבען זיך אָנגעהויבען פונאַנדערוואַקסען די שטעט. די ענטוויקלונג און דער וואוקס פון די שטעט איז געווען אָהן יעטווערען פּלאַן און אינגאַנצען סיסטעם־לאָז. די קאַפּיטאַליסטען זוכענדיג ריוח, פון זייער קאַפּיטאַל, האָבען אָנגעהויבען בויען הייזער אויף צו פערדינגען.

דער גרויסער צושטראָם פון מענשען, האָט ווידער געבראַכט דערצו, אַז וואָס אַמאָל איז געוואָרען גרעסער די צאָהל פון יעניגע, וואָס האָבען נישט געהאַט די מעגליכקייט אויפצובויען, אָדער זיך קויפען אַ הויז אויף צו וואוינען. די הויז־אייגענטימער האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט און האָבען געבויט די הייזער מיט דער לאָזונג: וואָס מעהר דירה־געלד און וואָס קלענערע דירות.

מען האָט אָנגעהויבען צו בויען וואָס אַמאָל גרעסערע הייזער, מיט וואָס אַמאָל קלענערע וואוינונגען. די הייזער זענען שוין נישט געבויט געוואָרען פאַר יחידים, ווי פריהער, נאָר קאַזאַרמע־מעסיג. פאַר וואָס מעהר איינוואוינער. דערביי האָט מען זיך נישט בעגנוגענט בלויז מיט דעם. וואָס מען האָט זיך שטאַרק דערנעהנטערט צום הימעל. נאָר מען האָט אויך געמאַכט „וואוינונגען" פון היילען און קעלערס. די פערשטאַרקטע אָרימקייט האָט נאָך דעם געבראַכט דערצו, אַז אייניגע פאַמיליעס זאָלען זיך בעזעצען אין איינע וואוינונגען.

מען קען פערשטעהען, ווי ערנסט איז דאַן געווען די לאַגע, אַז אפילו אין ענגלאַנד, וואו די וואוינונגס־פראַגע איז פערהעלטנישמעסיג געווען פיל לייכטער, ווי אין אַנדערע לענדער, האָט מען פונדערסטוועגען שוין אין יאָהר 1874 און נאַכהער אין יאָהר 1809 געפּרובט צו רעגולירען די שווערע פראַגע מיט דער הילף פון פערשידענע פעראָרדנונגען און אונטערזוכונגען.

אויב פאַר דער מלחמה איז די דירות־פראַגע געווען ספּעציעל אַן אַרבייטער־פּראָבלעם, אָדער די פראַגע פון ווייניג־פערמעגליכע מענשען, איז זי נאָך דער מלחמה פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ כלל־זאַך, אין אַ פּראָבלעם אין וועמענס לעזונג ס'איז פעראינטערעסירט די ברייטסטע געזעלשאַפט. פאַר דער מלחמה האָט די בוי־בעוועגונג געהאַלטען און איין ענטוויקלען זיך און עס האָט זיך כסדר פערגרעסערט די צאָהל דירות, הגם אויך דאַן איז זי נישט געווען צונעפּאַסט צו דער בעדערפעניש און צוזאַמענהאַנג מיט'ן מענשען־וואוקס.

דאַגעגען היינט איז די בוי־בעוועגונג אַ שטאַרק בעגרעניצטע, אַ מינימאַלע, און זי איז ווייט פון בעפרידיגען אַפילו אַ געוויסען פּראָצענט פונ'ם געברויך. דערביי שטעהט די קליינע צאָהל נייע דירות אויף אַ גאָר נידעריגער שטופע פון זייען עסטעטישען און סיי אין היגיענישען זין.

דער ענגלישער שריפטשטעלער טהאָמפּסאָן דריקט זיך אויס אין אַן אַרבייט זיינס: „די היינטיגע שטאָטישע פירטלען פעראורזאַכען דעם טויט פיל מעהר ווי די שלאַכט־פעלדער". און ווירקליך, די סטאַטיסטיק איבערצייגט אונז אין דעם.

ד"ר גאַטק, אין זיינס אַן אַרבייט וועגען דער שווינדזוכט אין וואַרשע, שרייבט: אַז „די גרעסטע צאָהל טויט־פאַלען פּאַסירט אין די יעניגע קוואַרטאַלען, וועלכע זענען אַמגעדיכטסטען בעוואוינט".

אין פּוילען, אַלס לאַנד, וואָס האָט פיל געליטען פון דער וועלט־מלחמה, און וואו עס איז צוליב דער ווירטשאַפטליכער קאָניונקטור אין הינזיכט פון הייזער־בוי כמעט גאָרנישט אויפגעטון געוואָרען, איז די דירות־פראַגע פשוט אַ ברענענדע.

ווי אַזוי שטעלט זיך אין פּוילען פאַר די לאַגע פונ'ם דירות־מאַנגעל?

אָט וואָס עס זאָגען וועגען דעם די ציפערען:

אין יאָהר 1921 האָט זיך אין וואַרשע גערעכענט דורכשניטליך 93 פּערזאָן אויף אַ הויז, אין יאָהר 1926 שוין 130 פּערזאָן אויף אַ הויז. אויף אַ וואוינונג מאַכט אויס אין יאָהר 1921 4,5 פּערזאָן. אין שטאָט־צענטרום האָט זיך אין יאָהר 1920 גערעכענט אַזש 140 פּערזאָן אויף אַ הויז. אין יאָהר 1921 דערגרייכט די 1־שטוביגע וואוינונגען 39% פון דער אַלגעמיינער צאָהל וואוינונגען, 2־שטוביגע 25 פּראָצ. 3־שטוביגע 17 פּר. און גרעסערע דירות קוים 19%. אין אַ טייל שטאָט־קוואַרטאַלען דערגרייכען די 1־שטוביגע וואוינונגען אַזש ביז 83% 2־שטוביגע 15 פּראָצענט און גרעסערע קוים 13 פּראָצענט, אויף 7,815 חתונות אין יאָהר 1926 זענען צוגעקומען 136 הייזער מיט סך הכל 638 וואוינונגען.

נאָך ערגער שטעלט זיך פאַר די לאַגע אין לאָדז.

אין קראָקע איז די לאַגע עטוואָס בעסער ווי אין וואַרשע, דערפאַר איז אָבער דאָרט גרויס די צאָהל פון קעלער־וואוינונגען. אין דער הינזיכט קען לעמבערג שלאָגען דעם רעקאָרד. 7 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָהל וואוינונגען אין לעמבערג זענען קעלערס.

לויט דער סטאַטיסטיק איז וואַרשע די אַמגעדיכטסטען בעוואוינטע שטאָט אין דער גאַנצער וועלט זי איז געדיכטער בעוואוינט פון בערלין — 2 מאָל. פון ווין — 3 מאָל, פון פּאַריז — 4 מאָל, און פון לאָנדאָן — 20 מאָל.

די דאָזיגע ציפערען רעדען פאַר זיך און נויטיגען זיך נישט אין קאָמענטאַרען. זיי זענען אַ גענוגענדער בעווייז אין וואָס פאַר אַ מצב אין הינזיכט פון דעם דירות־פּראָבלעם מיר געפינען זיך.

אויב דער פּראָיעקט פון העכערען דירה־געלד זאָל אַדורכגעהן — דאָס קאָן פּאַסירען טראָץ אַלע פּראָטעסטען, ווייל די פּויערים ריהרט דער פּראָיעקט קוים אָן, די לינקע פּאַרטייען וועלען איהם אפשר אויך אונטערשטיצען און בענוגענען זיך מיט בלויז אַריינבריינגען ענדערונגען, וואָס זאָלען פערלייכטערען די אַרבייטער — דאַן וועט אַרויסקומען, אַז מיר יודען, אַלס שטאָטישע איינוואוינער, וועלען זיין די הויפּט־צאָהלער אויך פון דעם נייעם שטייער און צי מיר וועלען דערפון עטוואָס גענוסען, איז אַ גרויסער ספק.

קודם־כל וועט די בוי־אַרבייט נעזיים איבערגעגעבען ווערען אין נישט־יודישע הענד, ממילא וועט דערפון נישט גענוסען דער יודישער אַרבייטער און עס וועט אויך אויסגעמיטען ווערען דער יודישער סוחר ביים צושטעלען האָלץ און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלען.

אויך די פראַגע פון בעזעצען אַזוי שנעל יודען אין די פון דעם שטייער־אויפגעבויטע הייזער, וועט נישט אַזוי לייכט פּאָזיטיוו געלעזט ווערען.

אין אַלע לענדער, (אַ קליין ביסעל אויך ביי אונז אין פּוילען) איז פיל אויפגעטון געוואָרען אין הינזיכט פון לינדערען דעם וואוינונגס־נויט. דער וועג ווי אַזוי די פראַגע פון דירות־מאַנגעל צו לעזען ביי אונז אין פּוילען און אַז אויך מיר יודען זאָלען דערביי נעהמען אַ געהעריגען אַנטייל — איז די בוי־קאָאָפּעראַציע, וואָס איז ליידער ביי אונז כמעט גענצליך נישט ענטוויקעלט.

ווי אַזוי זאָל די בוי־קאָאָפּעראַציע אָנגעקנעשטעלט ווערען, אַז עס זאָלען קאָנען אין איהר זיך בעטייליגען אַלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג, דאָס איז אַ פראַגע וועלכע נויטיגט זיך אין אַן ערנסטער בעהאַנדלונג.

ה. א—ן

אין דימענטענעם לאנד

(אַ בריף פון בעלגיען ספּעציעל צום „נייעם פאלקסבלאט")

די יודישע אימיגראַציע קיין בעלגיען, וואָס האָט אין דער לעצטער צייט אָנגענומען אַ מאַסען־כאַראַקטער האָט אַרויסגערופען אַ געוויסע בעאונרוהיגונג אין די קרייזען פון דער יודישער געזעלשאַפטליכקייט אין בעלגיען. די סיבה דערפון איז נישט אַזוי דער איבערפלוס פון דער אימיגראַציע, נאָר דער פאַקט, אַז כמעט די גאַנצע אימיגראַציע איז קאָנצענטרירט נאָר אין די צוויי גרעסערע שטעט ברי־סעל און אַנטווערפּען.

די אַנטווערפּענער צדקה־צענטראַלע ווערט טאָג־טעגליך ממש בעלאַגערט פון הילפס־זוכנדע, וועלכע קענען זיך נישט צושלאָגען צו אַ שטיקעל פּרנסה, און פאַלען צו־לאַסט אויף די עפענטליכע צדקה־אינסטיטוציעס. דאַגעגען אין דער פּראָווינץ, בעיקר אין די בעלגישע קויהלען־ און אינדוסטריע־דיסטריקטען, אָרדנען זיך די אימיגראַנטען גאַנץ גוט איין. פיל פון זיי ברענגען אַראָפּ זייערע פאַמיליעס און מאַכען אַ לעבען אַלס אַרבייטער אָדער מאַרק־הענדלער.

די מאַרק־הענדלעריי האָט זיך לעצטענס שטאַרק ענטוויקעלט אַלס יודישע פּרנסה אין בעלגיען, זייט אַ פּאָר חדשים בעשטעהט שוין אַ פערבאַנד פון יודישע מאַרק־הענדלער אין בעלגיען, און עס ווייזט אויס, אַז די דאָזיגע פּרנסה האָט גאַנץ גוטע פּערספּעקטיווען פאַר דער צוקונפט. אין דער קויהלען־גראָבען־שטאָט שאַרלערואַ, למשל, האָט זיך גאָר אויסגעבילדעט אַ טיפּ אַרבייטער־הענדלער. ד. ה. אַ גאַנצע וואָך אַרבייט ער אין קויהלען־גראָבען אָדער פאַבריק און זונטאָג שטעהט ער אויף דעם מאַרק מיט סחורה.

פאַר דער לעצטער צייט האָבען יודישע אימיגראַנטען געפּרובט אַריינצודרינגען אין דער מזרח־בעלגישער קויהלען־פּראָווינץ ליסבורג. צווישען די אויסלענדישע אַרבייטער (לרוב מזרח־אייראָפּעאישע) געפינען זיך אָפט עטליכע יודען. זיי האָבען אָבער אָפט אויסצושטעהן רדיפות פון זייערע קריסטליכע לאַנדסלייט. אַזוי איז מיט אייניגע וואָכען צוריק פאָרגעקומען אַ גרופּע אונגאַרישע קויהלען־אַרבייטער אונטער דעם איינפלוס פון די „ערוואַכענדע מאַדיאַרען" האָבען ביי דער בעלגישער מאַכט פערמסרט דעם איינציגען יוד, וואָס האָט צווישען זיי געלעבט — אַלס באָלשעוויק און געפּעלט, ער זאָל אויסגעוויזען ווערען פון בעלגיען. לויט די ערקלערונגען פון דעם יודישען אַרבייטער האָט ער מיט באָלשעוויזם גאָר נישט צו טון און ער איז נאָר אַ קרבן פון די אַנטיסעמיטישע טענדענצען פון זיינע לאַנדסלייט.

בעלגיען נויטיגט זיך בכלל אין אַרבייטס־הענט, נישט נאָר אין די קויהלען־גראָבען נאָר אין אַ גאַנצער רייה עפענטליכע אַרבייטען. וואָס מוזען אין דער נאָהענטער צייט דורכגעפיהרט ווערען. אַזוי, למשל די אויסברייטונג פון אַנטווערפּענער פּאָרט, בוי פון אַ גאַנצע רייה קאַנאַלען, צוגרייטונג פון דער וועלט־אויסשטעלונג פון 1930 א.אַז.וו. די יודישע אימיגראַציע איז אָבער נישט רעגולירט און די אימיגראַנטען זענען דעריבער אָנגעוויזען אויף פערשידענע שמוגלערס און „מאַכערס", וועלכע נעהמען ביים אימיגראַנט צו די לעצטע פּאָר גראָשען, איידער ער בעוויזט נאָך אַריינצוקומען אינ'ם „דימענטענעם" לאַנד. אויסערדעם קומען אַריין דורך דער נישט־לעגאַלער אימיגראַציע פערשידענע פערדעכטיגע פערשוינען, וועלכע גיבען דער הינער פּאָליציי. אַ סך זאָרגען און שאַרען דעם פּרעסטיזש פון דער יודישער בעפעלקערונג אין לאַנד.

די בעלגישע רעגירונג האָט דעריבער בעשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס בעדאַרף צוגרייטען אַ אימיגראַציע געזעץ. די קאָמיסיע בעשטעהט פון די דירעקטאָרען פון דעם זיכערהייטס־אַרבייט און אויסערן־מיניסטעריום ווי אויך פון דעם גאָווערנער פון דער פּראָווינץ אַנטווערפּען.

אויף דער יעהרליכער פערזאַמלונג פון דער היגער עמיגראַציע־געזעלשאַפט „עזרא" האָט איהר פּרעזידענט ה' וואַלקאָווסקי ערקלערט, אַז ער האָט אויסגעפאָרשט די מעגליכקייטען פאַר יודישע אימיגראַציע קיין בעלגיש־קאָנגאָ. די רעזולטאַטען זענען נעגאַטיוו, צוליב דעם טראָפּישען קלימאַט, וואָס די יודישע אימיגראַנטען וועלען זיך צו אהם נישט קענען צופּאַסען. פאַקטיש איז שוין ביים היינטיגען טאָג פערהאַן אַ יודישער ישוב אין קאָנגאָ. אין דער שטאָט עליזאַבעטוויל איז אַפילו פערהאַן אַ קליינע יודישע קהלה מיט אַן איינענער שוהל, די מאַטעריעלע לאַגע פון די דאָרטיגע יודען איז נישט קיין שלעכטע.

די לאַגע פונ'ם יודישען סטודענט אין בעלגיען איז גאָר אַ שווערע. בערך פופציג פּראָצענט פון דער יודישער סטודענטשאַפט האָט נישט די נויטיגע מיטלען כדי זיך צו ערהאַלטען במשך פון זיין שטודיע־צייט. קיין הילפס־אָרגאַניזאַציעס לטובת די יודישע סטודענטען זענען נישט פערהאַן. דערפּער איז דער יודישער סטודענט געצוואונגען צו שטודירען ביי אונערטרעגליכע בעדינגונגען. אַ סך פון זיי אַרבייטען ביינאַכט אין קויהלען־גרובען אָדער פאַבריקען און בייטאָג הערען זיי די לעקציעס אין דעם אוניווערזיטעט. אַנדערע אַרבייטען אַ פּאָר חדשים אין יאָהר כדי די איבעריגע חדשים צו קענען אָפּגעבען זיך מיט'ן שטודיום. אַזוי פּלאָגט זיך דער יודישער סטודענט און ווערט אָפּגעשוואַכט ביז ער ענדיגט בשלום און הויבט ערשט דאַן אָן צו זוכען אַ בעשעפטיגונג אין זיין פאַך.

אַמבעסטען איז נאָך די לאַגע פון דעם סטודענט אין אַנטווערפּען. (אין אַנטווערפּען איז נאָר פערהאַן אַ הויכער אינסטיטוט פאַר האַנדעלס־ווי־סענשאַפטען). חוץ דעם, וואָס ער האָט די מעגליכקייטען פאַר נעבען־פערדינסטען אַלס לעהרער אָדער ביוראָ־אַנגעשטעלטער, האָט דער אַנטווערפּענער סטודענט מעהר אויסזיכטען און אויף סובסידיעס פון זיין פעראיין, דער אַנטווערפּענער סטודענטען־פעראיין „העתיר" האָט גרויסע הכנסו תפון זיינע באַלען, וואָס ער אַרדענט איין עטליכע מאָל אין יאָהר. עהנליך איז די לאַגע אין בריסעל. די יודישע סטודענטען זענען אָבער לרוב קאָנצענטרירט אין די שטעט גענט וואו עס לערנען זיך בערך 700 יודישע סטודענטען פון מזרח־אייראָפּע און אַ 50 פון ארץ־ישראל און ליעוש מיט אומגעפעהר דער זעלבער צאָהל.

דאָס בעלגישע יודענטום קומט גאָר וועניג אין קאָנטאַקט מיט די סטודענטען מיט אויסנאַהמע פון די פּאַרטייען, וועלכע האָבען אָפט צו פערדאַנקען זייער עקזיסטענץ דער מזרח־אייראָפּעאישער שטודירענדער יוגענד. די איינזאַמקייט און פרעמדקייט פונ'ם יודישען סטודענט מאַכט איהם נאָך שווערער זיין גורל און האָט אָהן ספק נישט קיין גינסטיגע השפּעה אויף זיין ווייטעריגער ענטוויקלונג (יט"א).

י. פּוס.

אין דער שטאט פון אברהם אבינו

גראבט מען אויס צייכענס פון א גרויסער ציוויליזאציע

די נייעסטע אויסגראבונגען ווייזען, אז דארטען האט זיך געפונען די עלטסטע קולטור אין דער וועלט.—א בילד פון דעמאלסדיגען לעבען לויט די אויסגראבונגען

פון ל. באראדולין

מיר האָבען שוין געבראַכט די ידיעה וועגען נייע וויכטיגע אויסגראַבונגען אין דער אַלטער, ביבלישער שטאָט: אור־כשדים. אין דעם אַרטיקעל ווילען מיר אויספיהרליך געבען איינצעלהייטען וועגען דעם אָרט און וועגען די אויסגראַבונגען דאָרט.

אין דעם זידליכסטען טייל פון מעסאָפּאָטאַמיע, נישט ווייט פון דעם אָרט, וואו דער פּערזישער אויסגוס פאַנגט זיך אָן און נישט ווייט פון דער שטאָט בוסראַ, איז מכמה יאָהרען געשטאַנען איינער אַליין און אָפּגעזונדערט נישט קיין הויכער באַרג. נישט קיין נאַטירליכער באַרג, וואָס האָט זיך פאָרמירט צוליב אונטער־ערדישער געאָלאָגישע כחות, נאָר אַ קינסטליכער, פון מענשליכע הענט בעשאַפען געוואָרען. מעסאָפּאָטאַמיע איז אַ לאַנד פון זאַמד, ליים און ווייכע ערד, און קיין נאַטירליכע בערג און פעלזען זענען דאָרט נישטאָ.

זענען געקומען אַרכעאָלאָגען און האָבען אָנגעהויבען דעם באַרג פונאַנדערגראָבען; און דאַן האָט מען זיך אַרומגעזעהן, אַז אונטער דעם באַרג זענען געווען פערשאָטען פערצייטיגע הייזער, טעמפּלען און פּאַלאַצען פון אַ פאָלק און פון אַ קעניגרייך, וואָס האָט דאָ עקזיסטירט אַמאָל, מיט טויזענדער יאָהרען צוריק. דאָס פאָלק איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, און די פערלאָזענע הייזער, טעמפּלען און פּאַלאַצען, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרען פון ווייכע ציגעל, האָבען אָנגעהויבען פונאַנדערפאַלען. דערנאָך זענען געקומען ווינטען, האָבען אָנגעבלאָזען שטויב, זאַמד און ליים, און די אַלע הייזער טעמפּלען און פּאַלאַצען צוגעדעקט מיט אַ דעק, און עס איז געוואָרען אַ באַרג. אָבער אונטער אָט דעם באַרג פון ווייכע ערד זענען די אונטערשטע נאָך נישט צופאַלענע ווענט, און די קעלערס פון די אַלע פּאַלאַצען און טעמפּלען פערוועהרט געוואָרען אויף דורות און דורות און ביז היינטיגען טאָג.

צווישען די זאַכען, וואָס מע האָט אין די רואינען פון די אַמאָליגע טעמפּלען און פּאַלאַצען אויפגעגראָבען, זענען געווען איינצעלנע ציגעל, שטיינער און ליימענע און גאָלדענע כלים, וואָס האָבען געהאַט אויף זיך אויפשריפטען פון דער אַזוי־גערופענע פּלעקעל־שריפט, — די שריפט פון די פערצייטיגע אַסיראָ־באַבילאָנער. און פון אָט די אויפשריפטען, וועלכע מען קען שוין איצטער לייענען און איבערזעצען אויף אונזערע שפּראַכען, איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז אָט דער באַרג האָט מיט זיך פערדעקט די שטאָט אור פון די כאַלדעער, דעם אור־כשדים פון דער ביבעל: די שטאָט, פון וועלכער אברהם אבינו האָט עמיגרירט.

זינט דאַן קומען דאָרטען שטענדיג פאָר אַלץ נייע אויסגראַבונגען. מע צוגראָבט די ערד אַלץ טיפער און ברייטער, און יעדעס יאָהר ברענגט מיט זיך נייע זאַכען, נייע ענטדעקונגען, נייע קברים און כלים, וואָס דערצעהלען אונז ווי אַזוי די מענשען פון יענער צייט האָבען געלעבט און וועלכע קולטור און ציוויליזאַציע זיי האָבען בייזיך ענטוויקעלט.

אַרכעאָלאָגישע אויסגראַבונגען מוזען נויטווענדיג אָנגעהן זעהר, זעהר לאַנגזאַם. אַ דערפאַר, ווייל מען גיט נישט גענוג געלד אויף אַזעלכע זאַכען: אַ דערפאַר, ווייל כמעט יעדען הויפען ערד מוז מען מיט די הענד אַרויסקראַצען כדי מען זאָל חלילה נישט צושטערען די איבערגעבליבענע, צעפאַלענע און צופאַלענע זאַכען, וואָס זענען אין דער ערד איינגעגראָבען און וואָס קאָנען פאַר אונז האָבען אַ זעהר גרויסע וויסענשאַפטליכען ווערט און בעדייט, און דעריבער ציהען זיך דאָרטען די אויסגראַבונגען שוין צענדליגער יאָהרען. אָבער פון צייט צו צייט נעמט מען זיך צו די אויסגראַבונגען מיט פרישער ענערגיע, אַז דער באַרג פון שטויב, זאַמד און ליים ענטפּלעקט פאַר אונז אַלץ נייע און אומערוואַרטעטע זאַכען.

דאָס לעצטע, וואָס איז דאָרטען אויסגעגראָבען געוואָרען, איז אַ צימער פון אַ גרויסען קבר מיט די סקעלעטען פון 74 מענער און פרויען, און

(ווייטער זעה 9־טע זייט).

דער גוי, וואָס ווילן זיך מגייר זיין
און ער פרעגט א מיינונג צי זאָל ער דאָס טון

אין ניו־יאָרקער „טאָג" לייענען מיר:

ווען צו דעם אַלטען הלל איז געקומען אַ גוי מיט דעם צוועק זיך מגייר צו זיין, האָט דער גרויסער לערער איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך און כדי איהם לייכט צו מאַכען דעם צוטריט צו יודישקייט האָט ער, הלל, איבערגעגעבען דעם תמצית פון דער יודישער תורה, וואָס ער האָט מצמצם געווען אין איין מצוה.

דער אַלטער הלל, ווי מען זעהט, האָט נאָכגעפאָלגט דעם נביא ישעיה, וואָס האָט די „בני הנכר הנלוים על ה'", דאָס מיינט די גרים, געטרייסט, אויפגעמונטערט און זיי פערשפראָכען יעדען מענשליכען גליק, אויב זיי וועלען בלייבען גוטע יודען.

און אַנדערע גרויסע לערער ביי יודען זענען אין זייער טאָלעראַנץ צו די גויים, וואָס ווילען אָננעמען דעם יודישען גלויבען, געגאַנגען נאָך ווייטער. זיי האָבען געזאָגט:

„יודען זענען פערטריבען געוואָרען אין גלות און פערשפרייט צווישען די פעלקער טאַקע נאָר פאַר דעם צוועק, אַז זיי זאָלען שאַפען גרים".

פונדעסטוועגען דאַרף מען נישט זוכען קיין סתירה אין דעם ענין פון די שפּעטערדיגע רבנים, וואָס זענען דוקא זעהר שטרענג בנוגע צו אַ גוי, וואָס וויל זיך מגייר זיין.

און קומט אַ גוי זיך מגייר זיין — אַזוי לערנט דער דין — מוז מען קודם כל אויסגעפינען, אויב ער האָט נישט קיין שלעכטע כוונה; אויב ער וויל זיך נישט בעהאַלטען אונטער דעם מאַנטעל פון יודישקייט צוליב אַ ליבע צו אַ יודיש מיידעל אָדער פאַר אַנדערע עגאָאיסטישע מאָטיווען.

אַפילו אויב זיינע מחשבות זענען ריינע — זאָגט ווייטער דער דין — און ער וויל ווערען אַ יוד אויס איבערציינונג, זאָל מען איהם ענטמוטיגען, שילדערען פאַר איהם די יודישע צרות, די יודישע טרערען, דערצעהלען איהם, אַז עס לוינט נישט פאַר אַ מענשען פון אַן אַנדער גלויבען צו נעמען אויף זיך דעם יאָך פון יודישקייט.

וואָס פאַר אַ געוואַלטיגער אונטערשיד אין די בעציהונגען צום גר צווישען דעם אַלטען הלל און דעם היינטיגען דין!

פונדעסטוועגען זאָל מען נישט זוכען קיין סתירה צווישען די ביידע ענטקעגענגעזעצטע אַנשויאונגען, ווייל הלל, ווי דער נביא ישעיה, האָבען געלעבט געוואָרען אין דעם פריהען מיטעלאַלטער, ווען צוליב אין זייער יודיש לאַנד, בעת דער דין איז געשאַפען די מוראדיגע רדיפות האָט ביי יודען געפעהלט דער צוטרוי פון די גויים און ווען צוליב אַ גוי, וואָס האָט זיך מגייר געווען, זענען אַלע יודען געווען אין סכנה מיט זייערע לעבענס.

יודען האָבען דעמאָלט זיך געמוזט דערהייטערען פון די גויים, וואָס זענען דאָס רוב געווען זייערע בלוטיגע שונאים.

אָבער יענע צייטען פון מיטעלאַלטער זענען שוין אַוועק און ווען אַן ערליכער גוי קומט היינט צו אונז פאַר אַן עצה, צי זאָל ער ווערען אַ יוד, ווערען מיר נישט איין פאַרוואָס מיר זאָלען זיך נישט צוריקקעהרען צו די בעסערע צייטען פון אַ הלל הזקן אָדער אַ רבי אלעזר בן פדת?

דער דאָזיגער גוי, וואָס קומט צו אונז מיט דער אויסטערלישער שאלה, איז אַ פראָפעסיאָנער, אַ רוס, און ער ווענדעט זיך צו אונז דורך אַ לעזער מאַקס ראָל וואָס שרייבט אַזוי:

איך בין בעפריינדעט מיט אַ רוסישען קריסט, האָט ער מיר דערצעהלט, אַז אין דעם שאָפּ, וואו ער אַרבייט איז ער בעקאַנט מיט אַ יודיש מיידעל, וואָס ער ליבט און וויל מיט איהר חתונה האָבען, און זי, אַזוי זאָגט ער, ליבט איהם אויך. ביידע זענען נישט רעליגיעז, נאָר איהרע עלטערען זענען יאָ אַ ביסעל יודישלעך געשטימט, און כדי צופרידענצושטעלען איהרע עלטערען, וויל ער זיך מגייר זיין און דורכמאַכען די אָפּעראַציע פון ברית מילה.

ער זאָגט, אַז ער וויל בכלל זיך מעהר בעקענען מיט יודישקייט, ווייל ער לעבט שוין לאַנג צווישען יודען און ער האָט חשק זיך אויסצולערנען יודיש, בעזוכען אַ יודישע שול און לייענען אַ יודישע צייטונג. ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל שרייבען צו אייך, איהר זאָלט געבען אייער מיינונג וועגען דעם שריט, וואָס ער געהט מאַכען.

מיין מיינונג וועגען איהם איז, אַז ער איז זעהר אַן ערליכער און אַ גאַנץ פיינער מענש, בעזיצט דעם איידעלסטען כאַראַקטער, הלוואי אויף אַלע מענשען געזאָגט געוואָרען. אין בעצוג צו אַ נדבה פאַר צדקה אָדער אַ גמילות חסד האָט ער נאָך קיינמאָל קיין מענשען נישט אָפּגעזאָגט. ער בעזיצט אַ דורכשניטליכע רוסישע בילדונג.

איך גאַראַנטיר אַייך פאַר דעם אמת פון אַלץ, וואָס איך שרייב, און איך בעט אייך, דערפיהלט זיין בקשה און זאָגט אייער מיינונג. וועגען זיין בעשלוס זיך מגייר צו זיין...

איז וואָס עס איז שייך צו דער רעליגיעזער זייט פון דער פראַגע, איז דער דין זעהר שטרענג. דער דין זאָגט אויסדריקליך, אַז וואו די מאָטיווען זענען נישט קיין גאַנץ ריינע; וואו אַ גוי וויל זיך מגייר זיין צוליב אַ ליבע אָדער אַנדערע אייגענניציגע צוועקען, טאָר מען איהם פאַר קיין יודען נישט מאַכען.

אָבער מיר מישען זיך נישט אין רעליגיעזע פראַגען, דאָס איז אַן עסק פאַר די רבנים; פון דעם ריין מענשליכען שטאַנדפּונקט קאָנען יודען אוראי נישט האָבען דאַגעגען, ווען אַן ערליכער, אויפריכטיגער מענש פון אַן אַנדער גלויבען וויל זיך אָנשליסען אָן דעם יודישען פאָלק.

וואָרים אַ סך ערליכע און אויפריכטיגע גויים זענען שפּעטער געוואָרען בעריהמטע גרים, ווי אונקלוס הגר, יהודה בן גרים און אַנדערע.

נאָר אויב פאַר אַ פּראָפעסיאָנעם קריסט, אַן אַרבייטער, לוינט זיך צו ווערען אַ יוד, איז דאָס אַ פראַגע פאַר איהם אַליין צו פערענטפערען, און ער זאָל דערביי האָבען אין זינען, אַז סאַי געזעלשאַפטליך, סאַי עקאָנאָמיש שטעהען די יודען אין אַמעריקע אויף אַ פיל העכערער מדרגה פון די אַנדערע אימיגראַנטען פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

די וועגען פון די מיסיאָנערען זענען נישט אונזערע וועגען. מיר כאַפּען נישט קיין נשמות און זוכען נישט קיין גרים, נאָר ווען אַן ערליכער, אויפריכטיגער מענש פון אַן אַנדער גלויבען וויל זיך דערנעהענטערען צום יודישען פאָלק, דאַרפען יודען נישט פרעגען אויף זיינע מאָטיווען, נאָר אויפנעמען איהם פריינדליך, ווי דאָס האָט געטון דער אַלטער הלל.

—=:::=—

זינגער'ס נייה־מאַשינען

בעקומט איהר נור אין דער בעוואוסטער אַגענטור פון ד. שטשענשליווי, אַלעקסאַנדריסקאַ 27 (מרדכי גבאי'ס גאַס). קומט און איבערצייגט אייך!

בעמערקונג: ספּעציאַל־מאַשינען אַלע סאָרטען אַבערלאָק, קרישע, פּאַרפּיטער, לעכער, זוילען א. א. אַלצס צו בעקומען אויף לייכטע בעדינגונגען. כ'לערן אויך אויס נייהען אויף די אַלע מאַשינען.

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

און דענטיסטישער קאַבינעט.

פּיאָטרקאָווסקאַ (?) 11, טעלעפאָן 37-63

אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוועגד.

ד"ר איפיך נאָז, האַלז, אויערען קר.

ד"ר פערשנער קינדער־קראַנקה.

ד"ר שיפמאַן אינערליכע קראַנקהייטען

ד"ר לוביטש הויט און גשלעכט־קר.

ד"ר שטיינגעלד נערווען און גמיטס

ד"ר גאָלדבלאַט אויגען־קראַנקה.

ד"ר חיים כירורגישע קראַנקהייטען

ד"ר בערגמאַן פרויען און געבורטס־הילף

[illegible]

ד"ר לאָושינסקי סטאָמאַטאָלאָג

צאָהן־ארצט 10—1 3—6

קונסטליכע צייהן, קראָנען, פּלאָמבען א. ז. וו.

די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאג.

Dr. H. WOLKOWYSKI

פּעטריקאָווסקאַ 25, טעל. 26-87

ספּעציאַל ארצט פאַר הויט און וועגע־רישע קראַנקהייטען, מענער־שוואַכע. [illegible]

[illegible]

Dr. med. J. LUBICZ

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46

קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, [illegible] פון די פליצאַס און גלידער.

[illegible]

[illegible] פון 5—7 אין אָוונט.

Dr. HELLER

ספּעציאַליסט פאַר הויט־ וועגערישע קראַנקהייטען און מענער־שוואַכע.

נאַווראָט 2 טעל. 79-88

נעמט אָן פון 10 פריה [illegible] 4—8 אָוונט. פאַר פרויען ספּעציעל פון 4—5 נאָכמיטאָג

[illegible]

Dr. med. W. EYCHNER

גינעקאָלאָג־אַקושער

זגערזשער 11.

טעל. 34-72

נעמט אָן פון 6—8 אָוונט

ל ע כ ע ר

מאַשינאַווע ווערען אָנגענומען צו ביליגע פּרייזען

ג. נאַרדמאַן ציגעלנ 29

וואָרנונג!

אַזוי ווי ס'האָבען זיך בעוויזען אין שטאָט פיעל שידענע נאָכגעמאַכטע פעלד־בעטען, מאַך איך בעקאַנט דאָס געעהרטע פובליקום, אַז די

עכט־פּאַטענטירטע בעטען עכט־פּאַטענטירטע

זענען פערזעהען נאָר מיט דער שוץ־מאַרקע

PALMA-PATENT

פאַר וועלכע מיר זענען פעראַנטוואָרטליך ביז 3 יאָהר.

— צו בעקומען אין אַלע געשעפטען. —

אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאַגער אין אַ גרויסען אויסוואַהל

ניקעל־בעטען, אַמעריקאַנקעס,

ניקעל־קינדער־בעטען, קינדער־וועגעלעך,

טיש־בעטען, קינדער־בענקעלעך

מעטער־מאָס. אויף רעדלעך.

מאַטראַצען געבעטע, שאַטקאָווע און קאַנאַדיסקע קאָוטשקעס און טאַפּטשאַנעס

ב.צמ.: בעטלעך מיט וועגלעך ווייס און ברוין 17 זל., פּאָלאָווע־בעט. 14 זל.

רעעלע בעהאַנדלונג, פאַבריקס־פּרייזען, זעמטליכע רעפּעראַטורען.

הורט לאָדז, פּאָלנאָצנאַ 24, טעל. 31-85. דעטייל

דער לעצטער אקט
פון אַ שטורמישער ליבע

מיט עטליכע טעג צוריק איז אַ געריכטס־פּריסטאַוו אַריינגעגאַנגען אין אַ קליינער אָרימער דירה אויף דער אַזעניו באָסקע אין פּאַריז, און ער האָט דאָרטען אויפגעזוכט אַ געוויסען פערדינאַנד לאַפּי, כדי צו לייגען אַ בעשלאַג אויף זיינע זאַכען. לאַפּי האָט איבערגעגעבען דעם פּריסטאַוו זיין איינציגען פערמעגען — אַ טייערען רינג מיט אַ גרויסען בריליאַנט. אָבער דער פּראַכטפולער רינג, וואָס דער פּריסטאַוו האָט אַריינגעשטעקט צו זיך אין קעשענע, האָט זיך לחלוטין נישט צוגעפּאַסט צו דער זעהר אָרימער איינריכטונג פון דער דירה. דער רינג האָט געשטאַמט נאָך פון אַנדערע צייטען, און די גאַנצע געשיכטע מיט דעם פּריסטאַוו איז געווען דער טרויעריגער לעצטער אַקט פון אַ ליבעס־ראָמאַן, וועלכער האָט אין פריהערדיגע צייטען געשטורעמט איבער גאַנץ פראַנקרייך.

מיט יאָהרען צוריק איז פערדינאַנד לאַפּי געווען דער באַנקיר דעם פּרינץ אַנטאָן פון אָרלעאַן געליבטער, ער שוין נישט יונגער שפּאַנישער פּרינץ איז דעמאָלט שטאַרק פערליבט געווען אין אַ בלאָנדער כאָריסטקע לואיזע שאַרדאָנע, וועלכע האָט אַנגעהויבען איהר קאַריערע ווי אַ קליינע טענצערין, און איז נאָכדעם געוואָרען דער שטערען אויפ'ן הימעל פון די גרויסשטעטישע נאַכט־לאָקאַלען. אין אַזאַ מין נאַכט־לאָקאַל האָט זי זיך בעקענט מיט דעם פּרינץ אַנטאָן פון אָרלעאַן, וועלכער פלעגט כמעט יאָהר צו יאָהר אַנקומען קיין פּאַריז, כדי דאָרטען איבערצולעבען פערשידענע גאַלאַנטע אַוואַנטורעס. בעת זיינע בעזוכען אין פּאַריז האָט דער פּרינץ געשאָטען געלד אויף אַלע זייטען און לואיזע שאַרדאָנע האָט בעקומען אָן אַ צאָהל טייערע מתנות. דער שפּאַני־שער פּרינץ האָט פאַר איהר פשוט אויסגעקויפט גאַנצע יובילער־קראָמען. ער האָט פאַר איהר גע־קויפט איינמעבלירען אַ פּראַכטיגע וואוינונג, און צוויי זאַלען פון דער וואוינונג זענען געווען אמתע בילדער־גאַלעריען, מיט טייערע אָריגינאַל־געמעלדעס. דער פּרינץ איז שטאַרק פערליבט געווען אין לואיזע, אָבער זי פון איהר זייט האָט געליבט פערדינאַנד לאַפּי. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפען אַ מין ליבעס־טריא. דער פּרינץ האָט מסכים געווען צו דער ראָל פון לאַפּי, ווייל צוליב דעם האָט לואיזע אויפגעהערט צוזאַמענצוגעהן מיט איהם מיט דעם וואונש, ער זאָל חתונה האָבען מיט איהר. אָבער נאָך צופרידענער איז געווען לאַפּי, ווייל פריהער איז ער געווען אַ גרויסער קבצן, און איצט האָט ער פערמאָגט אַזוי פיל געלד, וואָס ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געקענט חלומען וועגען דעם. אינגיכען האָט דער פּרינץ חתונה געהאַט מיט לואיזע מיט לאַפּי. און דאַ האָט זיך אָנגע־הויבען אַ לעבען פון די זיגלאָזעסטע אַוואַנטורעס.

דער פּרינץ האָט כסדר מיטגענומען די יונגע פּאָר אין די טייערסטע קוראָרטען, און ער האָט אַרויסגעגעבען לואיזע פאַר זיינע אַ כאָטער און לאַפּי פאַר זיין איידעם. אין דער צייט פון קריג זענען זיי געווען אין ניצא, און דאָרטען האָט זיך לואיזע בעקענט מיט אַ מוניציע־פאַבריקאַנט. דער כאַברי נזויטיג געהאַט קרעדיט, און ער האָט געהאַפּט דאָס צו בעקומען אונטער דער גאַראַנטיע פון פּרינץ, לואיזע האָט אויפ'ן בעסטען אופן רעקאָמענדירט דעם פאַבריקאַנט פאַר'ן פּרינץ, און דורך זיין גאַראַנטיע איז דעם פאַבריקאַנט צוגע־זאָגט געוואָרען די סומע פון 20 מיליאָנען פראַנק, האָט ער האָט נויטיג געהאַט פאַר זיין געשעפט. ער האָט אָפּגעראַנקט לואיזען דערמיט, וואָס ער האָט איהר געשאָנקען אַ קאָליע פון אַ מיליאָן פראַנק. אָבער דעם קרעדיט פון 20 מיליאָן האָט ער נישט בעקומען. דער פאַבריקאַנט האָט געכאָדערט צוריק זיין קאָליע, אָבער נאָך אין דער זעלביגער נאַכט האָט דער ה־ווילינג אָפּגעצויגען פון ניצא און איז אַוועק קיין איטאַליע, קיין מילאַן. דאָרטען האָט זיך לואיזע געפּוצט אין דעם מיליאָנען קאָליע, אין דער סביבה פון דעם אַלטען פּרינץ און דעם יונגען מאַן. איינמאָל איז אַפילו געקומען צו אַן אומאַנגענעהמער סצענע. דער פּרינץ האָט גע־בענקט, אַז ער האָט מעהר רעכטען, ווי דער מאַן. דער מאַן האָט אַרויסגעבאַפּט אַ רעוואָלווער און האָט איהם געדראָהט צו דערשיסען. אין רעוואָלווער זענען אַפילו קיין פּאַטראָנען נישט געווען, אָבער דער פּרינץ האָט זיך איבערגעשראָקען און האָט איבערגענומען אויף זיך אַלע חובות פון דעם מאַן.

די משוגענע הוצאות פון דעם פּרינץ פון אָרלעאַן האָבען סוף כל סוף אַרויסגערופען די אומצופרידענקייט פון דער קעניגליכער פאַמיליע אין שפּאַניען. און אין רעגלמאַט פון די פערשידענע דיפּ־לאָמאַטישע פערהאַנדלונגען איז דער פּרינץ גע־צוואונגען געווען צו פערלאָזען זיין ווילע. אין בע־גלייטונג פון דריי איטאַליענישע געהיים־פּאָליציס־טען איז ער אָפּגעפאָהרען ביז צום שפּאַנישען גרענ־עץ. דאָרטען האָבען איהם בעגעגענט שפּאַנישע פּאָ־ליציסטען און לויט בעפעהל פון קעניג האָט מען איהם געהאַלטען פערשלאָסען אין דעם שלאָס כאַנט־לוגאַר. איינמאָל האָט דער פּרינץ בעוויזען צו אַנטקומען, און דאַ האָט ער מיט אַמאָל

ווידער דערזעהן זיין בלאָנדע כאַריזמע, איהם האָט זיך איינגעגעבען אַריינצוגעהען אין איהר אויטאָ און צו אַנטלויפען. אַזוי אַרום האָט לואיזע שאַרדאָנע אָנגעקוויבט איהר פּרינץ פון דער שפּאַנישער רעגירונג. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער גאַנצער עסק האָט זיך נישט געלוינט: דער פּרינץ האָט שוין איצט מעהר קיין מתנות נישט געקענט מאַכען, ווייל ער האָט געהאַט ווייניג געלד. ביי אַ עלכע פערהעלטנישען האָט אין פערדינאַנד לאַפּיס אויגען דער אַמאָליגער ליבעס־טריא מעהר קיין חן נישט געפונען. ער האָט אַרויסגענומען אַ גט, איז אַוועק פון דער פּראַכטפולער וואוינונג און האָט מיטגענומען מיט זיך אַלץ, וואָס מען האָט נאָר פּרינץ שוין אויך געצוואונגען געווען צו יך אָפּצו־געבען מיטנעמען. אין דער זעלביגער צייט איז דער פּאָהרען קיין שטאַנע. לואיזע שאַרדאָנע איז געבלי־בען אַליין. און דער סוף דערפון איז פאָלגענדער: ווען דעמאָלט זענען אַוועק פינף יאָהר, לואיזע שאַרדאָנע איז שוין אַלט און קראַנק געוואָרען. און זי וואוינט אין אַ קליינער אָרימער דירה'לע פון [illegible] אַ מאָליגען [illegible], וועלכער האָט זיך דערבאַרעמט אויף דער קראַנקער פערגעסענער פרוי. פון איהר שיינקייט און רייכטום איז שוין מעהר קיין שפּור נישט געבליבען, פערדינאַנד לאַפּי, איהר [illegible], איז איצט געוואָרען אַ קליינער קרע־[illegible] ער האָט די גאַנצע צייט געהאָלטען זיין [illegible] [illegible] אַלטע טען, אָבער לעצטענס זענען זיינע געשעפטען אַוועק שלעכט, און ער האָט מעהר נישט געהאַט וואָס צו צאָהלען. און מיט עטליכע טעג צוריק איז, ווי [illegible] בעשריבען, געקומען צו איהם דער פּריסטאַוו און ער האָט אָפּגענומען פון איהם זיין לעצטע האָב און גוטס — אַ טייערען רינג, אַ רינג, וואָס האָט פריהער געהערט דעם פּרינץ פון אָרלעאַן.

נ. ז.

גאלדענע גליקען

(ראמאן) 7)

איך האב פ־ויסגענומען פון טאש דעם אנגע־צייכענטען פלאן, אנגעצונדען א חלב'נעם צינד־העלצעל, און זיך גענומען אין איהם גענויער פוג־אנדערקלייבען.

דער פלאן איז געווען א גאנץ געוועהנליכער: מען האט זיך געדארפט אפהויבען מיט די טרעפען, און גלייך געגען מיר האט געדארפט צו זיין די טיר פון מיין שלאפצימער, די פענסטער פון וועלכען עס זענען ארויס צום פארק.

פאר דער ערשטער נאכט איז עס פאר מיר געווען גענוג צו וויסען.

און מארגען, אם ירצה השם, וועט מען שוין זעהן, וואס מען טוט ווייטער.

א חוץ דעם נומער, האב איך קיין בלאסע אהנונג נישט געהאט וועגען דעם הויז, וואו נאטאן האט געוואוינט, און איך בין ממש געווען אי־בעררא שט, ווען די טאקסובקע האט זיך אפגע־שטעלט ביים צופאהר פון אנ'עלעגאנטען פאלאצעל.

— אך האף — האב איך ארויסגעשעפטשעט — צו קיין טעות איז דא נישט געשעהן...

דער נומער האט זיך בולט אנגעזעהן אויף דעם טשוגונענעם סלופעל, און דער שאפער איז משמעות נישט געווען אין א ספק, אז ער האט מיך געבראכט אויף דעם ריכטיגען אדרעס.

איך האב זיך אנגענומען א כוח, פאמעליך ארונטערגעגאנגען פון אויטא און בעצאהלט דעם שאפער פאר'ן קורס.

ער האט זיך איידעל פערנויגט, און איז תיכף שנעל אוועקגעפאהרען אין דער ריכטונג צו אקס־פארד־סטריט.

אזוי א דרייסיג סעקונדען בין איך געשטא־נען אומענטשלאסען.

דערנאך האב איך ארויפגעשטיגען מיט'ן שטיינערנעם בריקעל און ארייגעשטעקט דעם שלי־סעל אין שלאס-לאך.

די טיר האט זיך לייכט געעפענט און מיט א לייכטען זיפץ האב איך אריבערגעשטיגען די שוועל.

איך בין אריין אין א ברייטען פארהויז, וואס איז געווען האלב בעלויכטען דורך אנ'עלעק־טרישען לאמטער.

ביי די מארמארנע ווילען זענען געשטאנען פאלמען און ערדענע טעפ, און בלומען אין אזעל־כע מיני אויסטערלישע קלישען.

עס האט אויף מיר אנ'אטעם-געטון די אט־מאספער פון שוין-לאנג נישט געזעהענעם וואוילטאג און רייכטום.

מיט דעם ווייכען טערקישען טעפיך האב איך זיך שטיל געלאזט געהן אין דער ריכטונג צו די טרעפען, וואס האבען געפיהרט צום ערשטען שטאק.

פלוצים אבער איז דא, ווי פון דער זייט, דערשינען א מענש פון א יאהרען פערציג, פינף־און-פערציג מיט א רוהיגען גלאט-אויסראזירטען פנים, און מיט א קאפ האהר, וואס האט זיך אנ־געהויבען צו גרויען. ער האט געטראגען אויף זיך דעם געוועהנליכען מלבוש פון אנ'ענגלישען לאקעי.

— דאס מוז אוודאי זיין דער מילפארד! — האב איך ביי זיך בעשלאסען.

איך האב ארונטערגענומען מיין הוט, און זיך אוועקגעשטעלט אויף אזא אופן, אז דאס ליכט האט אינגאנצען בעשיינט מיין פנים, און דרך אגב'דיג א פרעג געטון:

— ס'איז עפיס דא בריף, מילפארד?

מייגע אויגען האבען אנגעשטרענגט נאכגע־פארשט, צי וועט אויף זיין פנים זיך בעוויזען א סימן פון פערוואונדערונג.

ער איז אבער געבליבען קאלט, ווי אייז, און, מיט א צוגעוואוינטער בעוועגונג, ארונטער־נעהמענדיג פון מיר דעם פאלטען מיט דעם הוט, האט ער געענטפערט:

— איך האב אוועקגעלייגט די פאסט אין קאבינעט אויפ'ן טיש.

— א דאנק אייך! — האב איך א זאג געטון, און זיך געלאזט געהן ווייטער צו די טרעפען.

— זאל איך ארויפברענגען וויסקי מיט סאדע, הער?

טרינקען איצט וויסקי האב איך איצט נישט געהאט קיין חשק, מחמת איין „מיליאן" האב איך שוין געהאט געניג איינגענומען סיי ווין סיי ליקער.

וויזט אבער אויס, אז נאטאן האט געהאט די געוואוינהייט צו טרינקען פאר'ן שלאף, און איך האב בעשלאסען די דאזיגע געוואוינהייט נישט בטול צו מאכען.

— יא! — האב איך מסכים געווען — ברענגט ארויף.

איך האב ארויפגעשטיגען מיט די ברייטע ווייך-גערעקטע טרעפען, און געעפענט די טיר פונ'ם צימער, וואס איז אויף נאטאנס פלאן גע־ווען בעצייכענט אלס די טיר פון מיין ארבייטס־קאבינעט.

דער עלעקטרישער שאלטער איז געווען ביי דער טיר — האב איך איהם א דריי געטון, און דאס צימער האט זיך בעגאסען מיט א ווייכען אנגענעהמען ליכט.

דער קאבינעט איז געווען פראכטיג מעבלירט.

איך האב נייגעריג בעטראכט די אומבעקאנ־טע טייערע חפצים, וועלכע עס איז בעשערט גע־ווען אויף דריי וואכען איבערצוגעבען אין מיין רשות.

אנהויבענדיג פון דעם דעמבענעם געשניצ־טען ביכער-שאנק, און ענדיגענדיג מיט צוויי-דריי לאמפען צום לייענען אין די ווינקלען פונ'ם צי־מער, איז דא אלץ געווען פון שענסטען און בעס־טען, וואס א פאנטאזיע פון א רייכען מענשען האט זיך געקאנט ווינשען.

איך האב נאך אלץ נישט בעוויזען, ווי ס'געהער צו זיין ארומקוקען, ווי אין דער טיר האט זיך דערהערט א קלאפ און מילפארד האט אריינגעברענגט וויסקי און א סיפאן סאדע-וואסער.

ער האט דאס טעצעל מיט די גלעזלען אוועקגעשטעלט אויפ'ן קליינעם טישעל נעבען קאמין, און איז שטיל ארויס, ווי אריין.

אין צווייטען עק צימער איז געשטאנען א זעהר גרויסער דעמבענער שרייב-טיש, ביי וועל־כען נאטאן האט, וויזט אויס, געפיהרט זיין קא־רעספאנדענץ, איך בין צוגעגאנגען צו דעם דא־זיגען טיש און זיך ארונטערגעלאזט אויף א שטול.

לעת עתה איז אלץ צוגעגאנגען אויסגע־צייכענט.

איך בין שוין פון לאנג נישט געווען אין אזא הערליכער, הייטערער שטימונג.

עס האט זיך מיר געגלוסט זינגען, לאכען און ווי א קליינער שטיפער-יונגעל שפרינגען אי־בער'ן צימער.

דער געדאנק וועגען מילפארד'ן — ווארום וואס, א שטייגער, וועט דער חברה-מאן, טראכטען, ווען ער וועט דערהערען אנ'אויסערגעוועהנליכען ליארעם? ! — אט א דער געדאנק האט מיך אפגע־האלטען פון צו טון נארישקייטען.

(פארטזעצונג קומט).

די מאדערנסטע
לאמפען
פאר שפייזע-צימערן און קאבינעטען
קויפט זיך אמבעסטען צו פאבריקס-פרייזען
נור ביי א. י. אייזנער, פאלודניאווא 25
טעלעפאן 74-78.
בעמ.: ס'ווערען אויך אנגענומען שלעסער אייבער־ארבייטונגען פון גאז אויף עלעקטריע, ווי אויך אקסעדירונ.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט־קראנקה. בעהאנדלונג פון מענער - שוואכע.
אנדזשעיא 5, טעל. 59-40
נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אוועגד.
בעזונדערע ווארטע-זאל פאר פרויען.

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט
זגיערסקא 17 טעל. 16-33.

ד״ר ראקאווסקי נאז האלז, אויערן קר. 10—11	2—3 7—6
ד״ר רוזשאנער הויט און געשלעכט קר. 10—11	1—2
ד״ר גאלדשטיין- אינערן-קראנקהייטען פאלעק	1—2 8—7
ד״ר יוסטמאן נערווען קראנקהייטען 9—12	[illegible]
ד״ר ראזענבוים קינדער-קראנקהייטען	10-12 4-5
ד״ר פאפיערני פרויען און געבורטס-הילף	11½-1 5-6
ד״ר קאגאן כירורגישע-קראנקהייטען, 4-5	1—2
ד״ר ווייסבערג אמב. האלז לונגען-קר.	10—1, 6—7
ד״ר מאוסעל רענטגען	9—12 4—6
א. גראזענטאשיק צאהן-ערצטין	5—7
ג. ראזען צאהן-ערצטין	9—3

צאהן-בעהאנדלונג, פלאמבירונג, קרוינען, בריקען א. א. וו.
אין דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען
א רענטגען-אינסטיטוט
[illegible]
די לעטשניצע איז אויך אפען הייגטאג.
ווזיט אין דער שטאט.
ערצט.-קאסמעטיש. קאבינעט
[illegible]

Dr. ADAM GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 51-75,
[illegible]

Dr. med.
J. POLAK
אינערליכע קראנקהייטען
ספעצ.: אלע גישע קראנקהייטען (אסטמא, אקקוש ליס, פאקוזייזעם, ארטרעטיזום).
פיאטרקאווסקא 121,
וו. 3, פראנט, 2 שטאק
טעל. 64-21
נעמט אן פון 11 ביז 1.

Dr. med.
L. Pikielny
אורעלאג
ספעציעל ארצט פאר נירי
בלאזן-און הארן - קראנק
NAWROT 8
tel. 19-90
עמפפאנגט פון 4—7 אוו.
נעמט אויך אן אין דער לעטשניצע „Zdrowie"
נאוואמיעסקא 3 פון 12½ ביז 2 אזייגער נאכמ.

נור אין דער בעוואוסטער פירמע פון דער אייזען-מעבעל-פאבריק
שענקיעוויטש 3/5 I. B. WOŁKOWYSKI
פאבריקס-לאגער: נארוטאוויטשא (דזיעלנא) 11, טעל. 37 70

אין: א מביליגסטען
מבעסטען
מבעקוועמסטען
און דער גרעסטער אויסוואהל
כ'בעזיץ אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון מעטאל ניקעל-בעטען, פעלד-בעטען, מעטאלאווע פאטענט „פערפעקט" גאראנ־טיע 5 יאהר, קינדער-וועגעלעך די נייעסטע פאסאנען, לעזשאקעס, וואש-טישען, סערוויזען, וויזשימאטשקעס, אייז-קיסטען
איך בארג אוים בעטען אויף זומער-וואוינונגען.

בעקאנטמאכונג!
אין מיין ערשטקל. הערען- און דאמען-פריזיער-אנשטאלט
12 פאלודניאווא 12
M. KUPKA

זענען די פרייזן פון שערען און ראזירען ערמעסיגט געווארען:

אין מענער-סאלאן:		אין דאמען-סאלאן:	
ראזירען	40 גר.	שערען דאמען	80 גר.
שערען	80 .	שערען אומשעניצעם	60 זל.
שערען חסידים מיט מאשינקע	50 .	אייזען- און וואסער-אנדולאציע	פון 1 זל. אן
שערען א יונגעל	50 .	קאפ-וואשען מיט עלעקטר. טרוקען-אפאראט	1 זל.
קאפ-וואשען	50 .	מאניקור	70 גר.
עלעקטרישער מאסאזש	50 .		

דער דאמען-סאלאן איז אונטער דער פיהרונג פון בעוו. פאכמאן P. FRANCISZEK געוו. מיטארבייטער פון דער פירמע ראדאשיצקי.
8629

Dr. med. I. WAJNBERG
CEGIELNIANA 47, tel. 25-62
[illegible] קראנקהייטען. ספעציעל פאר לונגען-און הארץ-קראנקהייטען, בעשטראהלונגען און קינסטליכע [illegible] אין דערהיים פון 3—5 נאכמיטאג

Dr. med. **H. Lublcz**
צעגעלניאנא 43, טעל. 41-32
[illegible]
נעמט אן פון 8—10 און פון 5—8 אוועגד

Dr. med. STUPEL
.12 Szkolna 12.
ספעציאליסט פאר הויט-, האר און וענערישע קרעק קראנקהייטען, פענצער - שוועכע, ליכט אונרעק, רענטגען-שטראהלען און קווארץ- ליכט, עלעקטרא-טערפיע.
נעהמט אן פון 6 ביז 9 אין אווענד.

ד״ר מ. קאליש
צאהנארצט
צאהן- און מונד-קראנקהייטען, צאהן-כירורגיע.
נעמט אן פון 11—2 און פון 6½—8 אין אווענד,
זונטאג פון 12—2 מיטאג.
זשעראמסקיעגא (פאנסקא) 37.
נעהמט אן אין דער לעטשניצע פאמאץ, אלעק־סאנדראווסקא 408 פון 3 נאכמיטאגס

LEKARZ DENTYSTA צאהן-ארצט
St. GELBERG
זאכאדניא 15, טעל. 31-08
[illegible] גאנץ פערגאלדעטע ציינער און [illegible] קראנקהייטען, צאהן - ציהונג אהן שמערצען, [illegible] ליכט - בעשטראהלונג, ספעציעלער לאבאראטאריום פון קינסטליכע ציינער.
נעהמט אן פון 9 פריה ביז 7 אוועגד.

וויכטיג נייעס!
אין דער ניי-ערעפענטער ווערקשטעל פון
א. מ. געליבטער און וויסבלאט
ציגעל-גאס 51
ווערט אנגענומען צו פערזילבערן, פערגאלדען, פערניקלען, בראנזירען אקסידירען, ווי אויך ווערט אויסגעפ רטיגט אלע ארט רעפע־ראטורען, רעעל און ביליג.
געדענקט די אדרעס ציגעל גאס 51

די ערשטקלאסיגע טישלעריי
28 אויף דרעוונאווסקא 28
M. MAJEK
בעזיצט אויף לאגער
מעבעל
פערשידענע
ווי: עס- און של. ף-צימערן פון אויסלענדישע פארנירען צו ביליגע פרייזען.
גינסטיגע בעדינגונגען.
בעמערקונג: ס'ווערט אויך אנגענומען פערשידענע רעפאראטורען ווי אויך מעבעל צום איבערפארבען
קומט און איבערצייגט אייך!

א גרויסער אויספערקויף פון
מאלער - שאבלאנען
א. פישאוויץ, לאדז, פאלנאצנא 9.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
פאר וענערישע הויט-קראנקה. און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסילומס מיט ספעציאליסטען פון אורא־לאגישע און נערווען-קראנקהייטען. קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.
— — טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אוועגד. — —
פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ.
נעמט אן א דאקטאר נור קינדער און פרויען
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
— בעזונדערע ווארטע-צימער פאר פרויען. —
וויזיט 3 זל.

Dr. Z. Rakowski
ספעצ. פאר אויערן, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקה.
קאנסטאנטינער 9, טעל. 27-81.
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע, זגערושער 17 פון 10—11 און פון 2—3

ייִדיש פאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

ייִדיש פאָלקסבלאַט

מערץ	31
5.20 זון-אויפגאַנג	זונטאָג
6 09 זון-אונטערגאַנג	יט
	אדר ב׳ תרפ״ט

אינדוסטריעלער פער/אנגען שטייער-הנחות

מעמאָריאַל צום פינאַנץ-מיניסטעריום

(–) צוליב דעם קאַטאַסטראָפאַלען דוחק פון געלד-מיטלען און אינערליכען פערקעהר האָבען די אינדוסטריעלער בעשלאָסען זיך צו ווענדען צום פינאַנץ-מיניסטעריום מיט פאָלגענדען מעמאָריאַל:

אָפּשטעלען די שטייער-עקזעקוציעס ביי די אינדוסטריעלער אויף אַ צייט פון 6 חדשים; די פינאַנץ-קאַמערן זאָלען האָבען דאָס רעכט פונאַנדערצולייגען די שטייערען אויף ראַטעס ביז 6 חדשים; פערקלענערען די שטראָפען פאַר פערלעגענע שטייערען ביז 1 פראָצענט; די פינאַנץ-אַמטען זאָלען אויך האָבען דאָס רעכט צו רעדוצירען די שטייערן, אָדער שענקען די שטראָף-פּראָצענטען פאַר די שטייער-צאָהלער, ביי וועלכע ס׳וועט פעסטגעשטעלט ווערען, אַז זיי קענען ווירקליך נישט צאָהלען.

מען מוז אויסבויען לאָדז לויט אַ סדר

די ענטוויקלונג פון לאָדז אויסער די גרעניצען פון לאָדז קומט פאָר לענג אויס פון די אויסגאַנגס-גאַסען, וועלכע האָבען דעם כאַראַקטער פון שאָסייען. די אויסבויאונג פון שטאָט קומט פאָר כאַאָטיש, וואָס וועט אין דער צוקונפט אונמעגליך מאַכען די ראַציאָנעלע רעגולירונג פון דער שטאָט.

צוליב דעם האָט דער מאַגיסטראַט זיך געווענדעט צום פּאָוויאַטאָווען סיימיק, אַז אין דער צוקונפט זאָל די הייזער אויסער די גרעניצען פון לאָדז געמויערט ווערען לויט אַ גענוי אָנגעצייכענטען פּלאַן און מיט דער פערשטענדיגונג פון דער לאָדזער שטאָט-פערוואַלטונג.

דערטרונקען אין אַ באַסיין

(–) אין דער ניי-אויפגעבויטער שטעטישער באָד-אַנשטאַלט אין זגערזש איז נעכטען געקומען זיך באָדען דער 19-יעהריגער יאַהאַן פּראַשקער. נאָכ׳ן באָדען איז ער אַראָפּ אין שווים-באַסיין, כדי זיך אַ ביסעל דורכצושווימען. זעהט אויס, אַז אין מיטען פון די איבונגען האָט ער פערלאָרען די כּוחות און איז אַראָפּ אויפ׳ן באָדען, ווען מ׳האָט פּראַשקערן נישט געזעהען אַרויסגעהען פון באַסיין האָט מען איהם אָנגעהויבען אַרומצוזוכען, נאָר מ׳האָט שוין אַרויסגענומען אַ טויטען-קערפּער.

אַרבייטסלאָזיגקייט.

דער אַרבייט פערמיטלונגס-אַמט טיילט מיט, אַז ביז׳ן 29 ד. ה. זענען אין לאָדז געווען פערעגיסטרירט 18,071 אַרבייטסלאָזע.

אונטערשטיצונג האָבען בעקומען 14,145 פון אַרבייטסלאָזען פאָנד און 265 פונ׳ם מלוכה פאָנד.

פון די אינטעלעקטועלע אַרבייטסלאָזע האָבען בעקומען אונטערשטיצונג 130 פערזאָן.

פערלוירען זייער אַרבייט האָבען אין לאָדז אין משך פון דער פערגאַנגענער וואָך 562 פערזאָן און בעקומען אַרבייט האָבען 840; 92 פערזאָן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען אויף אַרבייט.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

ז. עפּשטיין (פּיעטרקאָווער 225) מ. באַרטאָשעווסקי (פּיעטרקאָווער 95), מ. ראָזענבלום (ציגעל-גאַס 12), י. גאָרפיין (ווסכאָדניא 54), קאָפּראָווסקי (נאָוואָמיעסקאַ 15).

Dr. med. ALBERT GOTLIB

פּיעטריקאָווער 26,

טעלעפאָן 50-77.

אָקושער און ספּעציאַליסט פון פרויען-קראַנקה.

בעהאַנדלט פון 4 ביז 7 אָווענד. 340

זיצונג פון קהלה-פערוואלטונג

דאָנערשטאָג אין אָוונער איז פאָרגעקומען אונטער׳ן פאָרזיץ פון פרעזעס מינצבערג אַ זיצונג פון דער קהלה-פערוואַלטונג.

ווישען די קאָמוניקאַטען איז געלעזען געוואָרען אַ ענטפער פון דער לאָדזער סטאַראָסטווע אַז די גמינע איז מחויב צוצושטעלען דער סטאַראָסטווע מאַטעריאַלען, אויפ׳ן גרונד פון וועלכע זי האָט אָפּגעשאַצט דעם עטאַט פאַר בעזונדערע שטייער-צאָהלער, אויב דער רוזינער צאָהלער גיט אָפּ אַ רעקורס צו דער סטאַראָסטווע.

בעת דער דיסקוסיע וועגען דער ראָזינער פראַגע איז אָנגעוויזען געוואָרען אַז די קהלה האָט נישט די מעגליכקייט אָנצוגעבען גענויע אינפאָרמאַציעס וועגען די עטאַט-צאָהלער. ס׳ווערט בעשלאָסען די רעציזיע פון דער סטאַראָסטווע אָנצוקלאָגען אין דער וואָיעוואָדזטווע.

ווייטער איז בעהאַנדעלט געוואָרען פאָלגענדע פראַגע. דער נישט-עטאַטאַוער רב ר׳ הערצל האַרצשטאַרק האָט זיך נאָך ביי דער פריהערדיגער קהלה-פערוואַלטונג געווענדעט וועגען בעשטימען איהם אַלס עטאַטאַווע מורה-הוראה. די דאַמאַלסדיגע קהלה-פערוואַלטונג האָט וועגען דעם ענין אָנגענומען עטליכע בעשלוסען, לויט וועלכע מ׳האָט זיך געקענט אויסטייטשען, אַז הרב האַרצשטאַרק איז בעשטימט געוואָרען אַלס עטאַטאַווע מורה-הוראה. ביז איצט איז אָבער דאָס נישט געשעהען און הרב האַרצשטאַרק האָט זיך דעריבער געווענדעט מיט אַ אָנקלאַגע צו דער וואָיעוואָדזטווע. די וואָיעוואָדזטווע האָט ווידער פון איהר זייט דעם ענין איבערגעשיקט צו דער שטעטישער סטאַראָסטווע, אויף דער ראָנערשטאָגדיגער זיצונג איז געלעזען געוואָרען דער בריף פון דער סטאַראָסטווע אין וועלכען עס ווערען געפאָדערט מאַטעריאַלען וועגען דער פראַגע. נאָך אַ לענגערער דעבאַטע ווערט בעשלאָסען צוצושטעלען דער שטעטישער סטאַראָסטווע אויסצוגען פון די פּראָטאָקאָלען, וואו עס ווערט גערעדט וועגען דעם ענין האַרצשטאַרק.

אויף דער ווענדונג פון פעראיין פון די רעזערוו-אָפיצירען איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעשטימען טויזענד זלאָטעס אויף איבערענדערען די צייטווייליגע אָנדענקונגס-טאָוועל פאַר די געפאַלענע זעלנער אויף אַ מאַרמאָרנעם טאָוועל.

ס׳ווערט איבערגעלייענט אַ דעפּעשע פון לובאַוויטשער רבין אין וועלכער עס ווערט געבעטען אויף דער מצה-אַקציע מזומן געלד און נישט קיין פראָדוקטען, ווייל די סאָוויעט-רעגירונג בעטראַכט מצות אַלס לוקסוס-אַרטיקעל און בעשטימט דעריבער רוף צאָל.

ס׳ווערט בעשלאָסען נאָכצוקומען די ביטע פון לובאַוויטשער רבי אויב די מאַטעריעלע מיטלען פאַר פסח וועלען דאָס ערלויבען.

אַחוץ. ווייסמאַן גיט אָפּ אַ בעריכט פון דער סאָציאַלער הילפס-קאָמיסיע. לויט דעם 12 מערץ איז פערטיילט געוואָרען 5940 זלאָטעס אויף 130 פּערזאָן. 800 זל. פאַר פינף עקסמיסירטע און 950 זל. צו שיקען קראַנקע קיין „מרפא״ אין וואַרשאַ.

דאַן ווערט בעטראַכט די פראַגע וועגען דעם אופן פון פונאַנדערטיילען די פופציג טויזענד זלאָטעס וואָס זענען נאָך פערבליבען פון דער קויהלען-אַקציע. וויצע-פרעזעס בערגער לענט פאָר, אַז די 50 טויזענד זלאָטעס זאָלען פונאַנדערגעטיילט ווערען צוזאַמען מיט דער פסח-שטיצע. דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען, אויף דעם אופן, וועט יעדער וואָס וועט בעקומען פסח-אונטערשטיצונג, גלייכצייטיג בעקומען קוילען.

די רעגיסטראציע פון „פרעמדע“

פעראָרדנונג פון לאָדזער וואָיעוואָדזטווע

(–) דעם 27 ד. ח. איז אַרויס אין קראַפט די פעראָרדנונג פון אינערן-מיניסטעריום וועגען דער בעוועגונג פון „פרעמדע“ אין גאַנץ פּוילען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די לאָדזער וואָיעוואָדזטווע אַרויסגעגעבען אַן ענטשפּרעכענדע פעראָרדנונג וועגען דער רעגיסטראַציע פון „פרעמדע“ אין דער גאַנצער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע.

לויט דעם צירקולאַר פון דער וואָיעוואָדזטווע מוז די רעגיסטראַציע פערענדיגט ווערען דעם 30-טען יוני.

דער רעגיסטראַציע אונטערליגען אַלע „פרעמדע“, וועלכע האָבען זיך דעם 27 מערץ ה. י. געפונען אויפ׳ן געביט פון דער פּוילישער רעפּובליק, אויב אַפילו זיי זענען דערנאָך אַרויסגעפאָהרען קיין אויסלאַנד און צוריקגעקומען פאַר׳ן 1. יולי.

צו דער רעגיסטראַציע דאַרפען זיך שטעלען די „פרעמדע“, וועלכע זענען אַדורכגעפאָהרען פּוילען אויפ׳ן גרונד פון טראַנזיט-וויזעס.

דאָנציגער בירגער ווערען גערעכענט אַלס „פרעמדע“ און מוזען זיך רעגיסטרירען. צו דער רעגיסטראַציע וועלען זיך אַלע „פרעמדע“ פון 16 יאָהר אָן מוזען פערזענליך צושטעלען. יעדער מוז מיטברענגען 2 פאָטאָגראַפיעס און אַ פּאַס. אויפ׳ן פּאַס מוז זיך געפונען די מלוכה-אָנגעהעריגקייט פון פרעמדען.

אויב דער „פרעמדער“ וועט נישט האָבען קיין פּאַס, וועט די רעגיסטראַציע פאָרקומען אויפ׳ן יסוד פון מינדליכע ערקלערונגען.

דער „פרעמדער“ טאָר נישט פערפּוילישען זיין נאָמען, פאַמיליען-נאָמען. דער נאָמען און פאַמיליען-נאָמען מוז אויפגעגעבען ווערען אַזוי, ווי דער „פרעמדער“ שטעהט פערשריבען אין דער שפּראַך פון דער מלוכה, צו וועלכער ער געהערט.

די „פרעמדע“ וועלכע וואוינען אין פּוילען פון 31-טען דעצעמבער 1926 וועלען בעקומען צייטווייליגע „קאַרטי פּאָביטו“.

ווער ס׳וועט זיך נישט צושטעלען צו דער רעגיסטראַציע וועט בעשטראָפט ווערען מיט 3000 זלאָטעס שטראָף אָדער 6 וואָכען אַרעסט.

אדרייסטער רויב-אנפאל

אויף א יודישען סוחר

אויף דער וואוינונג פון ה׳ משה לעווקאָוויטש (זגיערזשער 42) האָבען עהרנעכטען ביינאַכט אויסגעפיהרט אַ דרייסטען אָנפאַל דריי בעוואָפענטע באַנדיטען און צוגעראַבט 12,500 זל.

דער רויב אָנפאַל איז פאָרגעקומען אויף פאָלגענדען אופן, אַרום 4 אַ זייגער ביינאַכט האָט ה׳ לעווקאָוויטש דערהערט עפּעס אַ פערדעכטיגען גערויש פון דער קוך, ער האָט זיך אויפגעהויבען און געגאַנגען זעהען וואָס עס טוט זיך דאָרט. ווי באַלד ער האָט געעפענט די טיר האָבען זיך אויף איהם אָנגעשטעלט דריי רעוואָלווערען און דריי אונבעקאַנטע האָבען אויסגעשריגען געלד געבען; די פרוי אין שלאָף-צימער האָט זיך באַלד אָריענטירט, אַז דאָס איז אַ רויב-אָנפאַל און זי האָט בעוויזען קודם כל אַרויסצונעהמען דאָס געלד פון קאַסע אין עס פערבעהאַלטען אונטערן בעט. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפען: די רויבער האָבען צודורכגעפיהרט אַ גענויע רעוויזיע געפונען 12,500 זל. און אַוועקגעשלעפּט.

די באַנדיטען האָבען זיך אַריינגעכאַפּט אין דער וואוינונג, וועלכע געפינט זיך אויף פּאַרטער דורכ׳ן לופטשיק. די באַנדיטען זענען, וואַהרשיינליך געווען אינפאָרמירט, אַז לעווקאָוויטש האָט אין דער היים אַ גרעסערע סומע געלד, ווייל מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק האָט ער פערקויפט אַ פאַרבעריי אויף דלוגאַ גאַס.

איינעם פון די אָנפאַלער איז דער פאָליציי שוין געלונגען צו פערהאַלטען. זיין נאָמען ווערט צוליב פערשטענדליכע סבות געהאַלטען בסוד, דאָס איז אַ גנב רעצידיוויסט. די איבריגע צוויי וועלען וואַהרשיינליך אויך באַלד ענטדעקט ווערען.

די אויספאָרשונג פיהרען אינספּעקטאָר עלזעסער-ניעדזשעלסקי און קאָמיסאַר ווייער.

אָפּקלאַנגען פון די דייטשע אכזריות׳ן אין קאַליש

לויה פון דערשאָסענע 4 קאַלישער בירגער אין יאָהר 1914

אין קאַליש איז פאָרגעקומען אַ פייערליכע לויה פון 4 קאַלישער בירגער, וועלכע זענען דערשאָסען געוואָרען אין אויגוסט 1914 דורך די רייטשע אָקופּאַנטען. די קערפּערס פון די דערשאָסענע זענען דעמאָלס בעגראָבען געוואָרען אויפ׳ן געביט פון יודישען בית עולם.

דער מאַגיסטראַט און די מלוכה-מאַכט האָבען איצט ערלויבט אויף דער עקסהומאַציע פון די טויטע קערפּערס, וועלכע מ׳האָט אַריינגעלעגט אין איין טרומנע.

די לויה האָט געטראָגען אַ זעהר פייערליכען כאַראַקטער. ס׳האָבען אָנטיילגענומען דעלעגאַציעס פון 20 געזעלשאַפטליכע פעראיינען מיט זייערע פעהנער און 3 אָרקעסטערס. ס׳זענען אויך געווען פאָרשטעהער פון דער קאָמונאַלער און מלוכה׳שער מאַכט.

גנבות

ביי שלמה טייטעל, ציגעל-גאַס 4, האָבען גנבים אַרויסגעגנב׳עט וועש און גאַרדעראָבע פאַר עטליכע הונדערט זלאָטעס.

*

אין קאָאָפּעראַטיוו אויף אַלעקסאַנדראָווסקאַ 134 האָבען זיך אַריינגעכאַפּט גנבים און אַרויסגעגנב׳עט פערשידענע לעבענסמיטעל פּראָדוקטען.

*

פון דער וואוינונג פון גבריאל זעלמאַן (פּאָדזשעטשנאַ 20) האָבען גנבים אַרויסגעגנב׳עט וועש, קליידונג, ציהרונג, און ווערט פּאַפּירען פאַר עטליכע טויזענד זלאָטעס.

יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאַן און א. קאָמפּאַניעץ.

היינט, זונטאָג, דעם 31-טן, 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג צו פּאָפּולערע פּרייזן

№№ 15 געזאַנג — די 3 כלות — פרעהליכע אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון סיגעל. רעזשי: ל. ראַבינאָוויטש.

היינט, זונטאָג, ד. 31. 9 אַ זייגער אין אָוונד **„יוסף אין עגיפּטען“** גרויסע היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטען פון לאַטיינער.

מאָנטאָג, דעם 1-טען אַפּריל, 4 נאָכמיטאָג צו ביליגע פרייזען **„די שוואַרצע חופּה“** לעבענס בילד אין 4 אַקטען פון קיצים.

מאָנטאָג, דעם 1-טען, 9 אין אָוונד דער בעליבטער שלאַגער **די חלומות פון ליבע** אין 3 אַקטען מיט 25 נומערן געזאַנג און טענץ פון ליליען.

דינסטאָג, דעם 2-טען, 9 אין אָוונד גרויסע פּאָפּולערע פאָרשטעלונג אויפ׳ן אַלגעמיינעם פערלאַנג פון פּובל. **הערצער צו פערקויפען** אין 4 אַקטען פון ל. מלאך / מוזיק פון ל. זעלמאַן / רעזשי: י. ראַקאָוו.

ס׳נעמט אַנטייל (לויט א. ב.) פרויען: בעזמאַן, באַריסאָוואַ, מאַכאַראָווסקאַ, נערה, פּאָדערמאַן, קאַרעני, קאָמפּאַניעץ. מענער: אַריעל, אייזענבערג, באַלבירסקי, האַמבורגער, מאַכאַראָווסקי, מאָסקאָוו, נייהויז, פּאָלאַנסקי, ישראל קאָמפּאַניעץ, ראַבינאָוויטש, ראַקאָוו.

צדמיג.: מ. אַרנוואַלד. מוזיק. לייטער: ל. זעלמאַן. בילעטען צו בעקומען ביי דער קאַסע.

אַנאָנס!!! די נאָהנטסטע פּרעמיערע מיט דאַראַ ווייסמאַן **„די נאַכט-פייגעלע“** און דער שלאַגער פון אַלע אָפּערעטען **„זיין יודיש מיידעל“** און דער שלאַגער פון אַלע אָפּערעטען

מאַן וואַרפט אַראָפּ זיין פרוי פון 3-טען שטאָק

אַ שרעקליכע פאַמיליען־דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף גלאָרנע 12 ביי דער פאַמיליע קאָפּוסטינסקי.

קאָפּוסטינסקי האָט צוריק מיט אַנדערהאַלבען יאָהר צוריק (צום צווייטען מאָל) חתונה געהאַט מיט אַ יונגער אַרבייטערין.

דעם שלום־בית האָט שטענדיג געשטערט קאָפּוסטינסקים גשוועסטערס שוויגער, די מוטער פון זיין ערשטער פרוי, וועלכע וואוינט אין שכנות. זי פלעגט שטענדיג אַטוויזען איהר געוועזענעם איידעם, אַז די יונגע פרוי איז אַ שלעכטע בעל־הבית'טע. בענעהט זיך שלעכט מיט די קינדער, איהרע אייניקלעך א.אַ.וו.

קאָפּוסטינסקי האָט אָנגעהויבען טרינקען און אין שכור'ען צושטאַנד שלאָגען די פרוי, עס פלעגט דערגעהן צו שרעקליכע סצענעס. צוריק מיט 3 חדשים האָט די יונגע פרוי געבוירען אַ קינד. נאָך דער קימפּעט איז זי קראַנק געוואָרען און בעת דער קרענק פערלוירען די אַרבייט. עס האָט אָנגעהויבען צו געהן אין שטוב נאָך ערגער.

פרייטאָג האָט צווישען מאַן און פרוי אויס ערבראָכען אַ קריגעריי. דער מאַן איז געקומען אין אַ חיה'שען כעס, געכאַפּט דאָס 3־חדשים־יגע קינד, וועלכעס די פרוי האָט געהאַלטען אויף די הענט, און געוואָרפען אויף דער ערד, די אומגליקליכע פרוי האָט ער צוגעשלעפּט צום פענסטער און זי אַרויסגעוואָרפען פון'ם דריטען שטאָק. דעם שרעקליכען געשריי פון דער אומגליקליכער האָבען דערהערט די שכנים פון הויז. מען האָט אַרויסגערופען פּאָגאָטאָוויע וועלכע האָט דער אומגליקליכער ערטיילט די ערשטע הילף און אָפּגעפיהרט צו איהר מוטער אויף הרעזנאָווסקאַ 13.

די קאָפּוסטינסקאַ איז על פי נס ניצול געוואָרען פון טויט, ווייל זי איז אַרויפגעפאַלען אויף אַ קופּע מיסט און בלאָטע.

די פּאָליציי האָט אַרעסטירט דעם פערברעכערישען מאַן. דער אַרעסטירטער טענה'ט אָבער, אַז די פרוי איז אַליין אַרויסגעשפּרונגען פון פענסטער.

באַהן-קאַטאַסטראָפעס

(—) עהערנעכטען האַלב פינף אינדערפריה איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע אויפ'ן קאַלישער וואָקזאַל. צוויי מאַנעווירירענדיגע צוגען, וועלכע זענען געווענדעט געוואָרען אויף נישט־ריכטיגע ליניעס האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען און איין וואַגאָן איז צושמעטערט געוואָרען. די אַדורכגעפיהרטע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז די שולד טראָגט די באַהן־בעדינונג, וועלכע מ'האָט צוגעצויגען צו פעראַנטוואָרטליכקייט.

די צווייטע קאַטאַסטראָפע איז פאָרגעקומען עהערנעכטען האַלב ניין אינדערפריה אויף דער סטאַציע קאָלושקי. אַ משאות־צוג וואָס איז געגאַנגען קיין לאָדז איז אַרויפגעפאָהרען אויף אַ וואַגאָן וואָס איז געשטאַנען אויף דער ליניע. צוליב דעם צוזאַמענשטויס זענען 12 וואַגאָנען צושמעטערט געוואָרען. צוליב אַ נס איז די באַהן־בעדינונג ניצול געוואָרען, די קאָמוניקאַציע איז געשטערט געוואָרען. אויפ'ן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע איז אָנגעקומען די אויספאָרשונגס־מאַכט, וועלכע האָט אָנגעהויבען אַן אויספאָרשונג, כדי צו פעסטצושטעלען די סיבות פון דער קאַטאַסטראָפע.

אַ שענדליכער אָנפאַל אויף אַ מיידעל אין פּאַרק

דער אויסוואורף איז אַרעסטירט

(—) נעכטען 7 אינדערפריה איז אין פּאַרק פון 3־טען מאַי פאָרגעקומען אַן אָנפאַל אויף דער הילפלאָזער 20־יעהריגער יאַדוויגאַ דזשערזשי־קאָווסקאַ.

די דזשערזשיקאָווסקאַ איז געגאַנגען קיין לאָדז פון זעלאָוו, כדי צו זוכען אַרבייט, אַדורכגעהענדיג דורכ'ן פּאַרק איז צו איהר צוגעשטאַנען אַן אונבעקאַנטער אויסוואורף, וועלכער האָט דאָס מיידעל געוואַלט פערגוואַלדיגען. דזשערזשיקאָווסקאַ האָט געמאַכט אַ גוואַלד. דער אויסוואורף האָט דאַן אַרויסגענומען אַ מעסער און דערלאַנגט דעם מיידעל אין דער פּלייצע. דער 9־טער קאָמיסאַריאַט האָט באַלד אַדורכגעפיהרט אַן אויספאָרשונג. און דער אויסוואורף איז אַרעסטירט געוואָרען אין דער פּאַבריק פון א. מ. וואַרשאַווסקי אויף פּושעגראַל־ניאַנאַ 20. דער אויסוואורף איז דער 35־יעהריגער יוזעף רעמושינסקי, ער איז אַרעסטירט געוואָרען און איבערגעגעבען געוואָרען צום אויספאָרשונגס־אַמט.

דער גראַנדיעזער פּורים-אָוועגד פון „קרן-קימת"

דער פייערליכער פּורים־אָוונט וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען פאַריגען זונטאָג אין פילהאַרמאָניע הורך דעם קרן־קימת, איז אויך דאָס מאָל אַהורך מיט אַ גרויסען מאַטעריעלען ערפאָלג. עס איז באמת ווערט בעגריסט צו ווערען די איניציאַטיווע פון דער אָנפיהרונג פון קרן הקימת איינצואָרדנען אַזעלכע אָוועגרען מיט אַ קינסטלערישען אינהאַלט אויסגעפיהרט הורך קינדער פאַר קינדער און וועלכע פערשאַפען גלייכצייטיג אויך דער עלטערער גענעראַציע אַ גייסטיגען גענוס.

דער אָוענד האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ פּאָר געלונגענע מוזיק־נומערען אויסגעפיהרט הורך דעם גוט־איינגעשטודירטען אָרקעסטערש פון 2־טען יודישען גימנאַזיום אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. ל. זעלמאַן. דערויף האַלט אַן איינדרוקספולע רעדע ד"ר א. טאַרטאַקאָווער וועגען דער בעדייטונג פון קרן קימת בכלל און דער לעצטער קניה אין עמק עכו בפרט. דער ערשטער טייל פון פּראָגראַם ווערט פערענדיגט מיט דער העברעאישער קאָמעדיע פון יצחק קאַצענעלסאָן „המלך אחשורוש" אויסגעפירט אונטער דער פערזענליכער און אויסגעצייכענטער רעזשי פון דיכטער הורך דעם דראַמאַטישען קרייז פון קאַצענעלסאָנס גימנאַזיום, בעזונדערס שטאַרק אויסגענומען ביים עולם האָט אַ קליין פיעהריג מיידעלע (פּיטעל), וועלכע האָט געשפּילט די ראָל פון אסתר.

דער צווייטער טייל הויבט זיך אָן מיט דעם עפעקטפולען טאַנץ „בת חסידים" פון קאַצענעלסאָנס „קבוץ גליות" אויסגעפיהרט מיט גרויסען בייפאַל הורך אַ שילערין פון דער גימנאַזיע (בתיה פיינשטיין), דאַן קומט ווידער דער אויבענדערמאָנטער אָרקעסטער מיט מוזיק־נומערען צווישען וועלכע עס איז בעזונדערס צו אונטערשטרייכען די גוטע אויספיהרונג פון אַ פּאָפּורי פון יודישע מעלאָדיעס און דער בעאַרבייטונג פון פּראָפ. זעלמאַן, אַן איינדרוק האָט אויך געמאַכט ד"ר וו. פאַלעקס אינסצעניזאַציע פון פאָלקס־ליד „וואָס זעט זיין אַז משיח וועט קומען", אויסגעפיהרט הורך דעם דראַמ. קרייז פון 1־טען יודישען מענער־גימנאַזיום אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון פּראָפ. י. פיוווישים (קלאַוויר).

צולעצט האָט זיך שוין רעפּרעזענטירט די העברעאישע שולע „יבנה" מיט דער אינסצעניזאַציע פון ווינליר „עם שחר עורה" אויסגעפיהרט הורך שילער און שילערינס פון „יבנה" און די עפעקטפולע טענץ־נומערען גראַציעז אויסגעפיהרט הורך שילערינס פון דער דערמאָנטער שולע, אונטער דער לייטונג פון פרל. פּאַלאַ קירטשאַנסקאַ און קלאַוויר־אַקאָמפּאַנימענט פון פרל. מ. ענגלענדער. דער אימפּאָזאַנטער אָוענד האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקען רושם. (אי.)

געשטאָכען אין גאַס

אויף פּאָמאָרסקאַ 93 זענען אונבעקאַנטע פערברעכער מיט מעסערס בעפאַלען דעם דורכגעהענדען יאַן דראַפּיאַטש און איהם שווער פערוואונדעט.

די פּאָגאָטאָוויע האָט דעם פערוואונדעטען אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

פערזאַמלונג פון שעורי-ערב

(—) אויף פּולנאָצנאַ 7 איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די שיעורי־ערב ביי „פּועלי־אמוני־ישראל".

די ה"ה נוסבוים, אַלטמאַן און גליק האָבען רעפערירט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון די שיעורי־ערב. דאַן האָט ה' פ. אַלטמאַן אָפּגעגעבען דעם טעטיגקייטס־בעריכט, און ה' ווארגאַן דעם קאַסע־בעריכט. נאָך אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע ווערט געוועהלט פאָלגענדע נייע פערוואַלטונג: פּאָרזיצער — יצחק יוסף אַלטמאַן, וויצע פּאָרזיצ. — פּרץ אַלטמאַן און שׂרה יעקב קרעם, סעקרעטאַר — שמואל קלמן אַלטמאַן, ל. קופערשמיד, ש. ווארגאַן, מ. בינקעלשטיין, מ. זינדזונגער, י. בערלינסקי, ש. בודע, רעווידיר־קאָמיסיע, י. טעמפּעלהאָף, י. גרינער, מ. ליפּמאַנאָוויטש.

געזונד-צושטאַנד פון דאָרא ווייסמאַן בעסערט זיך

ווי מ'טיילט אונז מיט, האָט זיך דער געזונד־צושטאַנד פון דער בעקאַנטער קינסטלערין דאָרא ווייסמאַן בעדייטענד פערבעסערט און אינגיכען וועלען מיר שוין אונזער גאַסט זעהן אויף דער ביהנע.

די קינסטלערין האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע גריפּע און איז בעהאַנדעלט געוואָרען דורך די דאָקטוירים לאַקער, אייכנער און טאַכטערמאַן.

דער מחבר יוזעפער גרייט איצט צו פאַר'ן לאָדזער טעאַטער־עולם 2 נייע פּיעסען: „נאַכטפייגעלעך" און „זיין יודיש מיידעל" אין די נאָהנטע טעג וועט נאָך געשפּילט ווערען לטובת „ליוית־הצדק" די שטאַרק אויסגענומענע פּיעסע „ווייב און געליבטע" מיט דער קינסטלערין דאָרא ווייסמאַן אין דער הויפּט־ראָלע.

יודישער קאַמער־טעאַטער
לייטונג: מ. בראָדערזאָן
און ד. ביינעלמאַן.

„אַררט"
זאַכאָדניאַ 43

היינט, זונטאָג —
3 פאָרשטעלונגען:
אָנהויב 4 נאָכמ. (נידריגע פּרייזן), 7.45 (פּאָפּולערע פּרייזן) און 10.15 (נאָרמאַלע פּרייזן)

דאָס VI-טע גראַנדיעזע פּראָגראַם א. נ.

MISS JUDEA — מיס

1) פּראָלאָג, 2) אַנשי קורצב, 3) מענדעל־גענענדיל, 4) כתרילעווקער שׂרפה. 5) דער סעקוועסטראַטאָר, 6) באָבע און אייניקל, 7) ליד פון אַרבייט, 8) סיבלאָקאַטאָר, 9) מיס JUDEA

טעקסטען: שלום עליכם, מ. בראָדערזאָן, י. פּאַפּושאַנעק, מאַרשעלוק, מאָשקאָוויטש. — מוזיק: קאָמפּ. דוד ביינעלמאַן און א. ראָזענבוים. לימ. לייטער: מ. בראָדערזאָן. מוזיק. לייטער: דוד ביינעלמאַן. רעזשי: כאַרעכמיוועס. פּלאַסטישע רעזשי: ז. קרוש. קאָנפעראַנסיע: מ. ערבוים. קאָסטיומען און דעקאָראַציעס (אויסגעפיהרט אין איי'גענעם וואַרשטאַט): ר. מאַטוס און ש. בלום. — ליכטעפעקטען: י. יערוזאַלימסקי. קאָנצערט־מייסטער: ש. ביינעלמאַן.

די קאַסע איז אָפען פון 2 נאָכמיטאָג. הנחה בילעטן זענען נישט גילטיג.

פון „אַררט"

היינט 3 מאָל „מיס „יודעא"

היינט, זונטאָג ווערט אין „אַררט" געשפּילט דריי מאָל: 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג (צו בילינע פּרייזען) 8 און 10 אין אָוונט.

עס נעהט דער אויסגעצייכענטער נייער פּראָגראַם „מיס יודעא", וואָס האָט געוואונען גרויס אנערקענונג צווישען די ברייטע קרייזען פון דעם יודישען טעאַטער־עולם.

אין דעם פּראָגראַם איז יעדער נומער — אַן אָפּגעבאַקט שפּילעווריג קונסט־ווערקעל פון דער בעסטער פּראָבע, און נעהמט אויס מיט דעם ספּעציפישען יודישליכען חן און זינגעווריגקייט.

✱

עס גרייט זיך און עס זענען אין פולען גאַנג די רעפּעטיציעס צום 7־טען (14־טען פּראָגראַם) אין דעם סעזאָן. — עס אַרבייטען אַלע טעאַטער־וואַרשטאַטען, מאַלעריי, שניידעריי, סטאָלאַרניע — נאָר בקרוב וועט זיך דער „אַררט" ווייזען אין דער נייער — וואָהרשיינליך, לעצטער פּרעמיערע אין דעם סעזאָן 1928־29.

צירק „מעדראַנאָ"

קיין לאָדז איז אָנגעקומען דער וועלט־בעריהמטער צירק „עמפּיר־מעדראַנאָ־און האַגענבעק". דער צירק האָט פערנומען פּלאַץ אויף נאַרוטאָוויטש גאַס ביים פּל. דאָמבראָווסקי.

די פאָרשטעלונגען פונ'ם צירק הויבען זיך אָן היינט.

דער צירק איז איינער פון די גרעסטע אויסלענדישע צירקען, פערמאָגט אַן אונגעהויערע אַרענע און קען אַריינעהמען 7000 צושויער. ער פערמאָגט העכער 200 עקזעמפּלאַרען פון פערשידענע חיות, געוואוקסען א.ד.גל. צווישען זיי 11 בענגאַלישע טיגערס, 8 לייבען פון די אַפריקאַנישע דזשונגעלס, 6 ים־לייבען פּרעכטיג דרעסירטע. אַ גאַנץ גרויסען אַנסאַמבל פון אַרטיסטען, קלאָונס, קאָמיקער, זשאָקייען א.ד.ג.

די דירעקציע פונ'ם צירק ליגט אין די הענד פון די בעוואוסטע צירק־קענער ל. סוואָבאָדאַ און מ. רובין.

פערזאַמלונג פון אַלע פאַכען

פון דער בוי־בראַנזשע אין צענטראַלען יודישען האַנדווערקער־פערבאַנד

אין לאָקאַל פון צענטראַלען יודישען האַנדווערקער־פערבאַנד אין לאָדז (פּאָלודניאָווע 4) איז פאָרגעקומען, אונטער'ן פּאָרזיץ פון ה. חאַמסקי, אַ פערזאַמלונג פון אַלע האַנדווערקער־פאַכען, וואָס געהערען צו דער בוי־בראַנזשע.

אין דער פערזאַמלונג האָבען זיך בעטייליגט די פאָרשטעהער פון טישלער, מאָלער, בלעכער, שלאָסער. גלעזער, מוירער, פּאָסאַדסקער־לעגער, ברוקאַרזשעס, פּלומפּען־מאַכער און עלעקטראָטעכניקער.

דער ציל פון דער פערזאַמלונג, איז געווען צו דערפיהרען צו אַ פעראייניגונג פון די אַלע פאַכען און שאַפען אַן אַלגעמיינעם פעראיין פון דער גאַנצער בוי־בראַנזשע.

אין דער דיסקוסיע, האָבען זיך אַלע רעדנער געקלאָגט אויף דער טרויעריגער לאַגע פון דעם יודישען בעל־מלאכה, וואָס ווערט פערפאָלגט דורך דער שטאַרקער קאָנקורענץ און ליידט פון מאַנגעל אין קרעדיט.

אין רעזולטאַט איז געוועהלט געוואָרען אַ קאָמיסיע פון אַלע פאַכען, וואָס האָט די אויפגאַבע אַדורכצופיהרען די פעראייניגונג. אין דער קאָמיסיע זענען אַריין די ה"ה גאָלדמאַן, קאַנטאָר, ליבערמאַן, רוזשאַנסקי, רובינאָוויטש, ראָזענצווייג, זילבערבערג, ליכטמאַן, דזיאַלאָווסקי, ל עווקאָוויטש, טענער, ווילק און קאָרושעץ.

פון פאָלקס־אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

די לעצטע פאָרלעזונגען אין פאָלקס־אוניווערזיטעט האָבען אַרויסגערופען אַ בעזונדערען אינטערעס. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט האָבען צוגעצויגען צו זיך די פאָרלעזונגען פון אינזש. י. זשעלינסקי וועגען גיפטיגע גאַזען, וואָס איז געווען אילוסטרירט מיט גאַז־מאַסקעס און אַנדערע מכשירים, פון ד"ר וו. פאָללאַק (פּויליש) וועגען יודישע טיפּען אין דער פּוילישער ליטעראַטור. בעזונדערס שטאַרק בעזוכט געוואָרען איז די לעצטע פאָרלעזונג פון רעד. י. אוגער וואָס איז פאָרגעקומען היינטיגען זונטאָג אויף ד. ט.: „פּורים אַלס היסטאָרישער יום־טוב אין ליכט פון דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג". דער חשוב'ער פּרעלעגענט האָט אין אַ לענגערען רעפעראַט אַרומגערעדט די פראַגע פון קולטור־היסטאָרישען שטאַנדפּונקט און איבערגעגעבען די מיינונג פון די פערשידענע פאָרשער וועגען פּורים. די פאָרלעזונג איז אויסגעהערט געוואָרען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

✱

היינט, זונטאָג, אָוונד קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגעלניאַנאַ 4) די צווייטע פאָרלעזונג פון אינזש. פ. לינדער (אין דער העברעאישער שפּראַך) א. ד. ט. „די ערד" (האדמה).

בריף אין רעדאַקציע

חשוב'ע רעדאַקציע.

ערלויבט אונז דורך אייער וו. צייטונג צו דאַנקען די לאָדזער סובריטין פרל. רעגינע קליינער פאַר איהר קאָנצערט, וועלכען זי האָט געגעבען אין יעזעווער טעאַטער לטובת אונזער ביבליאָטעק. די זינגערין וועלכע האָט אויסגעפיהרט אַ רייהע פאָלקסלידער, איז ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרען דורך דעם פּובליקום און איבערגעלאָזט אין אונזער שטעטעל אַ גוזאַנג פון יודישען ליד.

פאַר אָבדרוקען די דאָזיגע שורות דאַנקען מיר אייך פאָראויס, און צייכנען זיך

מיט דרך ארץ

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע
אין יעזעוו

Dr. Różaner

ספּעציאַליסט פאַר הויט־, ווענערישע קרענקהייטען און מענער־שוואַכע.
היילונג מיט קווארץ־שטראַהלען און דיאַטערמיע

DZIELNA 9 (Narutowicza), tel. 28-98.

נעמט אָן פון 8—10 און פון 5—8, פרויען פון 6—8
באַזונדער זאַל פאַר פרויען.

Dr. med.

B. Robinzon

אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען

פּעטריקאָווער 10, טעל. 31-86

נעמט אָן פון 8—9½ פריה און פון 6½—8½

אויפ'ן תבואה-מארק די לאגע

די לעצטע פאר יום־טוב־וואך איז אויפ'ן תבואה־מארק אדורך אונטער'ן צייכען פון א נישט־איינהייטליכער טענדענץ. ביים אנהויב פון דער וואך האט מען אויף ווייץ און קארן נאטירט א שוואכערע טענדענץ. אבער באלד דערויף האט מען זיך אפגעהאלטען פון מאכען טראנזאקציעס, נישט וויסענדיג ווי אזוי די סיטואציע וועט זיך אויפקלערען.

וואס אנבעלאנג קארן, איז אין פערלויף פון דער פאריגער וואך אויפ'ן מארק געווען גענוג סחורה, ערשט ביים סוף פון דער וואך איז די צושטעלונג געווארען א קלענערע, וואס האט זיך באלד אפגעשלאגען אויף די פרייזען.

אויך פערשידענע פרייזען זענען געווען אויף ווייץ.

האבער האט מען פון פויזען און פאמערן איינגאנצען נישט געברענגט, ווייל די ארטיגע סחורות האט געדעקט דעם געברויך.

לויט אלע פאראויסזעהונגען פון די פעראינטערעסירטע ספערען וועט נאך יום־טוב ווארשיינליך אויפ'ן תבואה־מארק זיין א שטארקע טענדענץ, דער געברויך וועט זיין א גרעסערער און די פרייזען טענדענצען וועט דעריבער זיך שטארקען. די מיהלען האבען נישט געהאט קיין גרויסע תבואה־זאפאסען און די צושטעלער וועלען זיך אפהאלטען מיט צושטעלען סחורה, רעכענדיג זיך מיט העכערנדיג פון די פרייזען.

ספארט

אויסלענדישע פוטבאל־קלובען אין לאדז.

אין דיביידע חגאות־טעג שפילען אין פוילען פאלגענדע אויסלענדישע מאנשאפטען, „אוסטרא" (וויען) אין ערשטען טאג אין קאטאוויץ געגען דארטיגען „פוטבאל־קלוב" און אין צווייטען טאג אין קראקא געגען די שטארקע „קראקאוויא". אין פויזני שפילט דער „ברעסלאוער ספארט־קלוב" אין ביידע טעג, געגען דעם וויצע מייסטער פון פוילען „ווארטא".

„וואכאס" (אונגארן) שפילט אין ווארשא געגען „לעגיא" און „פאלאניא".

אין לעמבערג קומט פאר אין די חגאות א טורנעע פון די ארטיגע שטארקסטע פוטבאל־קלובען.

* * *

די ווארשאווער מיליטערישע מאנשאפט „לעגיא" האט איינגעלאדענט אויף יוני די שטארקע בודאפעשטער „אינגאריא" און אויף יולי ה. י. „האסק" (יוגאסלאוויען). אין דעצעמבער פראיעקטירט „לעגיא" צו מאכען א טורנעע איבער „איטאליען", גריכענלאנד, עגיפטען, און אויך אין פאלעסטינא.

נייע ספארט פלעצער

די שטעטישער קאמיסיע פאר ספארט־אינוועסטיציעס האט בעשלאסען אויסצובויען אין דער שוימפריי, וועלכע איז איבערגענומען געווארען פון דעם לאדזשער ספארט־קלוב, א גארדעראבע, א טוש, א שווים־באסיין א.ד.ג.

ווייטער איז בעשלאסען געווארען איינצוארדנען איניגע ספארט פלעצער אין פערשידענע טיילען פון שטאט.

אין דער שטאט פון אברהם אבינו

(ענדע פון 4־טע זייט)

און ווערטפולע זאכען געמאכט פון גאלד, זילבער איניגע צו דער העכסטער שטופע אינטערעסאנטע און האלב־איידעלע שטיינער.

מיט די סקעלעטען פון 74 מענשען, הויפטזעכליך פרויען, וואס זענען דארטען געפונען געווארען, איז פערבונדען זעהר אן אינטערעסאנטע כאטש זעהר א טראגישע, זעהר א פאטעטישע געשיכטע.

אלס דער ערשטער היסטאריקער, אלס דער „פאטער פון געשיכטע", ווערט בעטראכט דער גריך הערארטוס, וועלכער האט געלעבט מיט א 2,400 יאהר צוריק. ער איז איבערגעווען א וועלט, האט אסך געזעהען און א סך געהערט. און אלץ, וואס ער האט געזעהען און געהערט, האט ער פערשריבען אין ביכער, וועלכע ווערען איצטער בעטראכט אלס די ערשטע ווערק אין דער היסטאריע.

אין איין ווערק זיינעם דערצעהלט הערארטוס אז אין א געגענד צו דער נארד פון שווארצען ים, ד. ה. אין די איצטיגע זידליכע טיילען פון רוסלאנד, האט געלעבט א פאלק, וועלכע מען האט אנגערופען „סקיטהען". און א מנהג איז בײ די סקיטהען געווען, אז ווען א קעניג איז געשטארבען, האט מען צוזאמען מיט איהם, אין זיין קבר בעגראבען זיינע ווייבער.

פו[ן] ארכעאלאגישע אויסגראבונגען; און אין זיר זיינע רינגסטען, זיינע בעדינער און זיינע פערד. וועלכע מען האט פאר דעם צוזעק אויסגעשאכטען. דער טאג, ווען מען האט א קעניג מקבר געווען, איז געווען א טאג פון אויסשלאכטען צעהנדליגער מענער און פרויען, און דער קבר פון קעניג איז געווארען א גאנצער בית עולם.

מיט א קארגע צוויי טויזנערט יאהר צוריק האט מען הערארטוס'ען נישט געגלויבט. מען האט געמיינט, אז דאס זענען בלויז לעגענדעס. אבער דערנאך האט זיך אנגעפאנגען די עפאכע חוסלאנד האט מען ענטדעקט איניגע קברים וואס האבען בעשטעטיגט הערארטוס'עס געשיכטע וועגען אט דעם ווילדען מנהג פון די סקיטהען. און איצטער ווערט עס בעטראכט אלס א פעסטגעשטעלטע זאך.

דער מנהג אויסצושלאכטען די ווייבער, דינסטמען און בעדינער און בעגראבען זיי צוזאמען אין איין קבר מיט דעם קעניג, האט פערכאפט א גרויסע טעריטאריע אין זייער אייראפע נעהענטער צום שווארצע ים, און טיילען פון אזיע ביז אויף יענער זייט פון מעסאפאטאמיע. אבער אין פערשידענע לענדער איז דער מנהג אנגעווענדעט געווארען אין פערשידענע צייטען. אין מעסאפאטאמיע איז עס פראקטיצירט געווארען מיט 4—5 טויזענד יאהר צוריק. און די סקיטהען ארום דעם שווארצען ים האבען עס פראקטיצירט מיט קארגע דריי טויזענט יאהר צוריק.

מר. ס. לעאנארד וואלי, דער דירעקטאר פון דער עקספעדיציע, וואס מאכט איצטער די אויסגראבונגען אין אור כשדים, בעריכטעט אין דעם אילוסטרירטער לאנדאן „ניוס" די רעזולטאטען פון די לעצטע אויסגראבונגען, און זיין בעריכט איז אילוסטרירט דורך פאטאגראפישע בילדער און דורך צייכענונגען, אין צייכענונג ווייזט דעם דיל פון דעם צימער, וואו די 74 סקעלעטען פון מענער און פרויען זענען ענטדעקט געווארען. און די פאזיציע, וואס עדער קערפער האט פערנומען

סימנים זענען פערהאן, אז איידער מען האט די קרבנות פון דעם שרעקליכען מנהג דארט אויסגעלייגט, האט מען דעם דיל אויסגעשפרייט מיט א[ן] ווייסען לייוונט. די קערפערס האט מען אויסגעלייגט אין רייהען און כמעט אלע אין דער זעלבער פאזע.

אין די האלב צעפוילטע סקעלעטען קען מען נישט געפינען קיין שפורען פון דעם אופן, ווי אזוי מען האט זיי אויסגעמארדעט. ווארשיינליכער פון אלץ האט מען זיי פשוט אויסגעקוילעט, ווי מען קוילעט שעפסען און בהמות. ווער די 74 מענשען זענען געווען — איז אויך שווער פעסטצושטעלען. ווארשיינליכער פון אלץ זענען עס געווען די ווייבער פון קעניג, זיינע רינגסטען, בעדינער, מוזיקאנטען, זיינע גאלד־ און זילבער־שמידען און אנדערע פערזאנען וואס זענען געשטאנען נאהענט צום קעניג און האבען איהם פערזענליך בעדינט.

אויף די שארבענס פון איניגע פרויען סקעלעטען האט מען געפונען גאלדענע ארנאמענטען פון זעהר רעליקאטער און אויסגעצייכענטער ארטיסטישער ארבייט, מיט באנדען, בלומען און בלעטלעך זעהר דעליקאט אויסגעארבייט פון דינער גאלד. אט די פרויען זענען עס געווען דעם קעניג'ס ווייבער.

אין אן אנדער ארט האט מען געפונען 4 גאלדענע הארפען: און די קערפערס לעבען זיי זענען הסכים געווען די הויף־מוזיקאנטען.

דער נאמען פון דעם קעניג איז איבערגעלייענט געווארען אלס: „מעסקאלאמ־דאג", און די עפאכע צו וועלכער עס בעציהט זיך, ווערט געשאצט אין 3,000 יאהר פאר דער קריסטליכער ערא, ד. ה. מיט א פינף טויזענט יאהר צוריק.

די ארכעאלאגען קענען זיך נישט אפוואונדערען פון די אלע גאלדענע און זילבערנע זאכען, וואס זענען דארטען געפונען געווארען, די לעצטע אויפדעקונגען אין אור־כשדים, לויט דעם בעריכט פון מר. וואולי, האט זעהר א גרויסע וויסענשאפטליכע בעדייטונג, ווייל עס בעלויכטעט א סך זייטען פון לעבען און קולטור פון די כאלדעער, וואס האבען דארטען געלעבט מיט וועלכע פינף טויזענד יאהר צוריק. און דער גאנצער מאטעריאל קען דינען אלס א זעהר וויכטיגער קאפיטעל אין דער קולטור געשיכטע פון מענשען בכלל.

מעכאנ. שלאסעריי און שווייסעריי

J. REDER

ŁÓDŹ, Konstantynowska 11

(Róg Zachodniej)

כ'נעהם אן אלערליי שלאסעריי־ארבייטען צו ביליגע פרייזען און פינקטליכע אויספיהרונג.

פריוואט־וואוינונג: גדאנסקא 20.

דער בעקאנטער רעכטס־קענער

י. איינפעלד

וואוינט איצט אויף פעטריקאווער 31.

שפרעכשטונדען טעגליך פון 5—8 אוו.

נעמט אויך אונטער דורכצופיהרען אין בוררים־געריכטען די שווערסטע סכסוכים געוויסענהאפט און לויט די פערפליכטענדע געזעצען.

MIEJSKI KINEMATOGRAF OŚWIATOWY

Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26

Dojazd tramwajami 16 i 10.

Od wtorku, dnia 26 marca do 1 kwietnia 1929 r. wł.

Program Nr. XI (Świąteczny)

HAROLD LLOYD

w komedji pod tytułem:

„Nieboraczek"

Następny program:

„Hrabina Paryża"

Dr. A. MAZUR

ספעציעל־ארצט פאר אויערן, נאז און האלז־קראנקהייט ווי אויך שטום און שפראך־פעהלער

ווסכאדניא 65, טעל. 66-01

(איינגאנג אויך דורך פיעטריקאווער 46.

דער לעבעדיגער מת

א קרבן פון אנ'אייפערזיכטיגער פרוי

א טראגיש בילד, וואס האט גיכער אויסגעזעהן ווי פון א בוך ארויסגענומען, איידער פון לעבען, האט זיך אפגעשפילט אין איינעם פון די אלט געוועלבטע זאלען פון ווארשעווער קרייז־געריכט. די גאנצע צייט האט זיך געדאכט, אז די בעשולדיגטע, עדות און ריכטער זענען גרימירטע אקטיארען, וואס שפילען א שווערע טראגעדיע, און דאס פובליקום אויף די בענק בעשטעהט פון סענטימענטאלע צושויער, וואס נעמען זיך איבער מיט דעם גוטען שפילען און ווישען די טרעהרען פון די אויגען.

פאר'ן געריכט שטעהט א פרוי פון א יאהר פופציג, אנ'אויסגעצערטע, א פערפינסטערטע, מיט א סך קנייטשען, וואס קומען נישט אזוי פון יאהרען, ווי פון פיין און צרות, מיט פערלאשענע אויגען, וואס זענען שוין כמעט גלייכטיג צו אלץ, מיט א פעסט־געשלאסענעם מויל, וואס קוים עס ברענגט ארויס א ווארט, נאר די ווערטער וואס עס ברענגט יא ארויס, זענען שארף און שטרענג, ווי די פיילען.

— ווי הייסט איהר? — פרעגט דער ריכטער. — ווי אלט זייט איהר?

— איך הייס סטאניסלאווא וואלטשינסקא, — ענטפערט די פרוי. — אלט בין איך פופציג יאהר.

— איהר ווערט בעשולדיגט, — זאגט דער ריכטער. — אז איהר האט אפגעגאסען אייער מאן מיט א פליסיגקייט און איהם אויסגעבערענט ביידע אויגען. זענט איהר זיך מודה?

— יא, הער ריכטער, — זאגט די פרוי מיט שארפע הויכע רייד. — איך האב עס געטאן. אט־א איז ער, מיין מאן.

זי ווייזט מיט אנ'אויסגעשטרעקטען פינגער אויף א מאן אין די זעלבע יאהרען וואס זי, די בלינדע, אויסגעבערענטע אויגען זענען ביי איהם פערשטעלט מיט שווארצע ברילען. ער שאקעלט צו מיט'ן קאפ, ווי ער וואלט צושטימען צו זיין ווייב'ס רייד.

— קאנט איהר, בעשולדיגטע, ערקלערען, פאר וואס איהר האט אייער מאן אויסגעבערענט די אויגען?

די בעשולדיגטע שווייגט, דער ריכטער ווארט אויף א תשובה, אבער ביי דער פרוי לויפט עפעס דורך אין האלז, ווי א קנויל, און שטעלט זיך אפ. זי האט נישט וואס צו זאגען דערויף, זעהט אויס.

— הער וואלטשינסקי, ווענדעט זיך דער געריכטס־פארזיצענדער צום אומגליקליכען מאן מיט די שווארצע ברילען אויף דער אויסגעבערענטע אויגען. — קענט איהר עפעס זאגען וועגען אייער פרוי, וואס האט אייך אויסגעבערענט די אויגען?

— איך האב גארנישט וואס צו זאגען, — ענטפערט דער בלינדער, דרעהט אום די בלינדע אויגען צו דער בעשולדיגונגס־באנק וואו זיין פרוי זיצט און קוקט מיט ליבשאפט, מילדקייט, מיט דער ספעציעלער שמייכלענדער און הייליגער מילדקייט וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר בלינדע.

די ריכטער ווארטען א ווילע. א מארנער פראצעס, וואו סיי די בעשולדיגטע וויל גארנישט זאגען פאר איהר פערטיידיגונג, סיי דער אנגעקלאגטער, דער געליטענער האט גארנישט צו זאגען צו דער בעשולדיגונג. דער בלינדער דרעהט מיט די שווארצע גלעזער און זאגט:

— איך האב מיין פרוי מוחל געווען, און איך וויל נישט ערות זאגען...

ער הויבט זיך אפ א ווילע און זאגט מיט א טראגיש שטילע שטים:

— איך בין איצט א לעבעדיגער מת, און זי מיין ווייב, איז א לעבעדיגער קרבן...

קיין זשום דיאלאג און קיין טראגעדיע, געשפילט פון בעסטע טראגיקער אויף דער ביהנע וואלט נישט געמאכט אזא איינדרוק, ווי די עטליכע ווערטער פון אומגליקליכען בלינדען. א שטילקייט האט געהערשט איצט אין געריכטס־זאל. די ריכטער דער פראקוראר האבען געשוויגען, אראפגעלאזט די אויגען אין די פאפירען.

די בעשולדיגטע פרוי האט ווידעראמאל זיך געשטיקט מיט עפעס א קנויל אין האלז, וואס האט זיך געריסען און איז געבליבען פערשטיקט. בלויז פון פובליקום אויף די בענק האט א שלוכץ, אן איינגעהאלטענער געוויין דורכגעריסען די שטילקייט.

— וואס ווייסט איהר צו זאגען? — פרעגען די ריכטער די דערוואקסענע קינדער פון אומגליקליכען פארפאלק.

— מיר האבען גארנישט צו זאגען — ענטפערען די קינדער, און לאזען אראפ די אויגען.

די ריכטער, זעהען, אז פון דער איינגענער פאמיליע וועט מען גארנישט ארויסבעקומען, און מען רופט אויס די שכנים און שכנטעס פון דער פאמיליע וואלטשינסקי. די שכנים, איבערהויפט די שכנטעס שווייגען נישט, זיי וויסען, די וואלטשינסקים זענען פראסטע מענשען, פאלקס־מענשען, נישט קיין אריסטאקראטען, וואס לעבען בעזונדער, וואו איינער קען נישט דעם אנדערען, ביי וועלכע מענשען ווייס איינער, וואס עס טוט זיך ביים צווייטען. איינער קומט צום צווייטען. מען קומט עפעס לייהען, דורכשמועסען זיך, טיילען זיך מיט פריידען און ליידען, און אט די שכנטעס שטעלען פאר דעם הינטערגרונד פון דער טראגעדיע די אורזאך פון אומגליק.

נאטירליך, איז אין אלץ שולדיג די ליבע, די ליבע און די אייפערזוכט, די צוויי גרונד־מאטיווען פון גליק און אומגליק.

— מען האט שטענדיג זיך געקריגט ביי די וואלטשינסקי'ס — זאגט אנ'אויסגעדארט גויעלע מיט א גלאט־פערקעמטען קאפ — שטענדיג פלעגט מען הערען געשאלטען, געשרייען געווייגען. שטענדיג האט געשלאגען דאס ווייב.

— ווייסט איהר, עדות, פארוואס?

— פארוואס זאל איך נישט וויסען, הער ריכטער? — פרעגט דאס גויעלע צוריק. — אלע האבען מיר געוואוסט. ער האט זיך ארומגעשלעפט מיט אנדערע, פלעגט אהיימקומען שפעט, שטענדיג א שכורער. זי האט איהם אויסגערעדט. דאס ווייב וויינט, געמוסרט, און ער האט זי געשלאגען, מיט די פיס געשטויסען.

נאך דער ערשטער גויע טרעט ארויס א צווייטע, א דריטע, אלץ פאלקס־מענשען, ווייבער און אר ביימער, באלעגאלעס, נידריגע בעאמטע. עס וויקעלט זיך פאנאנדער אן אלטע בעקאנטע געשיכטע פון טאג־טעגליכען ארימען לעבען:

ער, דער מאן, ארבייט, ארבייט שווער, האט אין לעבען ווייניג פון זיין ארבייט. די פאבריק איז פאר איהם אן אפקומעניש. זי איז זיין בלוט־זויגערין, וועלכע נעהמט איהר ארויס דעם מארך פון די ביינער, די כוחות. און פאר דעם אלעם בעלוינט זי איהם זעהר שלעכט. ער ווארט שוין מיט אומגעדולד ער זאל פערענדיגען די ארבייט און אהיימגעהן, צו זיך, וואו קיינער האט איבער איהם נישט צו שאפען, וואו ער איז קיינעם נישט אונטערזוארפען, וואו ער איז דער באלעבאס. ער קומט אהיים אפרוהען, נאך אביסעל פרייד, מנוחה נאך דער היים! דאס ווייב איז פערדרויכערט. פערקאפטשעט פון דער קיך, די קליידער איהרע זענען אפגעלאזט די שיך אויסגעטראגען, די האר צעשויבערט, אין קליינעם שטיבעל איז נישטא קיין ארדנונג. די קינדער שרייען פון דער גאנצער האפנונג אויף דער שטוב אויף רוה, מנוחה, לאזט זיך גלייך אויס א טייך נאך מעהר טומלדיג, נאך גרויער ווי אין דער פאבריק. דער צארן וואקסט.

— עסען! — בעפעהלט דער מאן, און ווארפט דאס היטעל פאר כעס.

— באלד וועט זיין!

— איך אין דער פאבריק זאג אויך „באלד וועט זיין?" — שטורעמט דער מאן. — איך מוז זיין פינקטליך ווי א גוטער זייגער, און דא הערט מען שטענדיג „באלד".

— איך האב געראפט אויספעררינכטען די קינדער די קליידלעך.

— פון מיר וויל קיינער נישט הערען אזעלכע תירוצים — ברומט דער מאן — אין מינוט איך זאל פערשפעטיגען, פליה איך פון פאבריק.

ענדליך ווערט דאס עסען פערטיג. דער ברוגזער מאן נעהמט דעם לעפעל. אבער דער צארן ברענט שוין, און קיין זאך שמעקט נישט.

(סוף קומט).

WYPADANIE WŁOSÓW!

ROZWIĄZANIE PROBLEMU POROSTU WŁOSÓW

przez **Dr. E. ZIEGLERA.**

Osłabienie korzonków włosowych spowodowanem będzie niehygienicznem okryciem głowy, usposobieniem nerwowem, ciężką pracą, chorobą (grypa, tyfus) tworzeniem się łupieżu oraz nadmiernem odtłuszczeniem. Utrace włosów zapobiec można przez odpowiednie pielęgnowanie głowy i włosów. Kto dopuszcza do utworzenia się łupieżu i nadmiernego odtłuszczenia, ten może być pewny, że w krótkim czasie utraci włosy i zeszpeci się łysiną. Ważnem więc jest, głowę i włos pielęgnować odpowiednio do ich skomplikowanego istnieni . Na ogół wydaje się to łatwem, w rzeczywistość jest to bardzo trudne, ponieważ organizm skóry głowy jest nadzwyczaj wymagający, gdyż korzonki włosowe skazane są na wielki wysiłek, dbając o porost 75.000 do 100.000 włosów.

Mając bowiem łysinę lub rzadki porost włosów,

osiągnąć można przez stosowanie **„Silvikrin**-kuracji włosów" w komplecie nowe uwłosienie względnie przy rzadkich włosach ponownie bujną czuprynę, oczywiście jedynie przy właściwem i dokładnem używaniu według wskazówek podanych w planie leczenia Silvikrinem zredagowany przez prof. Dr. med. Lipliawskiego.

Silvikrin (D. R. P. i patentowany prawie we wszystkich państwach kulturalnych) zawiera specyficzne pożywienie niezbędne dla korzonków włosowych do wytwarzania nowych włosów. Prof. uniw. Dr. med. Polland, radca medycjalny Dr. med. Abel, Dr. med. Princ i wielu innych lekarzy osiągneli za pomocą leczenia **Silvikrinem** nawet przy zupełnem wyłysieniu nader zbawienne wyniki. Z wielką radością nowinę tą przyjmie każdy, iż uzyskać można na nowo dawniejszy bujny włos. Oto środek, którym — podług orzeczeń lekarskich — rozwiązano problem porostu włosów.

Zanim wydacie grosz, prosimy skorzystać z naszej przesyłki bezpłatnej, która zawiera sprawozdania lekarskie z wyników leczenia **Silvikrinem,** plan leczenia **Silvikrinem** zredagowany przez prof. Dr. med. Lipliawskiego oraz nader pouczającą broszurę p. t. „Włosy, ich wypadanie i odrastanie", do tego małą paczkę **Silvikrin**-Shampoon. Pielęgnowanie włosów preparatami **Silvikrinu** nie tylko utrzymuje włosy w zdrowym stanie lecz również czyni je bujnemi i pięknemi. **„Silvikrin**-kuracją-włosów" w komplecie osiągnięto wielki postęp przyjęty z radością przez wszystkich lekarzy. Postęp ten zyskuje na wartości jeszcze więcej przez to, że nawet przy wyłysieniu oraz rzadkiem uwłosieniu osiągnąć można nowy porost włosów. Po nadesłaniu obok umieszczonego kuponu wysyłamy odwrotnie wymienione dziełka i próbkę.

Kupon przesyłki bezpłatnej W kopercie zaopatrzonej w znaczek poczt. przesłać do:

Silvikrin-Vertrieb, Gdańsk, 270 Böttchergasse 23 | 27

Proszę o przesłanie mi bezpłatnie:
1. Sposób użycia i plan leczenia Silvikrinem zredagowany przez Prof. Dr. med. Lipliawskiego.
2. Książkę o 36 stronach p. t. „WŁOSY, ICH WYPADANIE i ODRASTANIE".
3. Wypracowanie naukowe pierwszych powag lekarsk.
4. Bezpłatną próbkę Silvikrin-Shampoon.

Nazwisko: ____________ Ulica ____________

Miejsce zam. ____________ Poczta: ____________

SPLENDID — היינט און פאלגענדע טעג! — **SPLENDID**

GRETA GARBO

אלס ארומגענומענע מיט א ליבעס-וואהנזין און אלס פארדעטער. פרוי — א שפיאן אין דער ליבעס-דראמע

„פלאם פון ליבע"

Greta Garbo — Greta Garbo

אלס פארטנער: **CONRAD NAGEL** רעזשיסאר: **FRED NIBLO** דער שעפער פון „בן-הור".

מוזיקאלישע אילוסטראציע אונטער דער לייטונג פון ה׳ א. טשודנאווסקי.

היינט זונטאג און מארגען מאנטאג פון 12 ביז 3 א זייגער זענען די פרייזען צו 50 גר. און 1 זל.

קינא-טעאטער **„PALACE"** Piotrkowska 108.

אין דער הויפטראלע די עקראן-קעניגין **LYA de PUTTI**

די זינד פון אגרושה

דאס איז די גייסטע אייראפעאישע קרעאציע פון 1929 יאהר. ‖ געזאנג-אילוסטראציע פון „Całuję Twoją dłoń Madame" אויסגעפיהרט פון אפערן-ארטיסט ה׳ ULLAS מוזיק אונטער דער לייטונג פון ה׳ לידויער.

אנהויב פון די סעאנסען 12 א זייגער בייטאג. —:—: אויפ׳ן ערשטע סעאנס זענען אלע פלעצער 50 גר. און 1 זל.

ODEON — גרויסער יום-טוב-פראגראם!

אלס פליהער **Rif i Raf**

WALLACE BEERY i R. HATTON אין די הויפטראלען

אויסערן פראגראם: א פארס.

WODEWIL — גרויסער יום-טוב-פראגראם!

Mady Christians

אלס פרל. שאפער — שאמפאניער קאמעדיע פול מיט הומאר.

אויסערן פראגראם: א פארס.

CORSO — גרויסער יום-טוב פראגראם!

זיגער **TOM i TOMMY**

סענסאציאנעלע דראמע מיט׳ן אנטייל פון קאוובאי

TOM MIX

אויסער׳ן פראגראם: א פא"ס.

גרויסער יו"ט-פראגראם! — די גרעסטע עקראן-קאמיקער — גרויסער יו"ט-פראגראם!

Pat i Patachon אין דעם טריט די ארינגע...

הומאר, געלעכטער, פריילעכקייט. — הומאר געלעכטער, פריילעכקייט.

APOLLO

סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה׳ צ. קאנטאר

אנהויב פון די סעאנסען 4 נאכמיטאג, שבת און זונטאג 12 א זייגער, אויפן 1. סעאנס זענען די פלעצער צו 50 גר.

פון פויזען פאר׳ן ארויספאהרען אויף די אלגעמיינע לאנדעס-אויסשטעלונג איז אנגעקומען און הויבט אן איהרע פארשטעלונגען

היינט, זונטאג, דעם 31. מערץ ד. י., 1-טער טאג חגא

נאך ביז איצט נישט-געזעהענע אטראקציעס!

LUNA-PARK

CYRK EMPIRE-MEDRANO HAGENBECK פלאץ דאמבראווסקי.

היינט, זונטאג, דעם 31. מערץ — 2 פארשטעלונגען: אנהויב 4 א זייגער נאכמיטאג און 8.15 אין אוונט

מארגען, מאנטאג, דעם 1-טען אפריל ד. י. — 2 פארשטעלונגען

ערעפנונגס-ריזען-פראגראם

לייבען, טיגערס, עלעפאנטען, ים-חיות און אלוועלטליכע אטראקציעס.

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט צושטעלען א היים; אויף דער פראווינץ — 5.46 א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.

פאר׳ן אינהאלט און טערמינען די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פאראנטווארטליך די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר׳ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער וויך א טעגלעכע אין טעקסט—40 ... 60— ... 4; נאכ׳ן טעקסט—12 ... 18— ... 8; פאר א מילימעטער-שורה: פליסער דער שטאט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. טעלדינבונגען—10 גר. א ווארט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufmann.

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.